UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Kheshbn No. 116- Fall 1990- Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/1h17p2fb

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 116(1)

**Publication Date**
1990

**Copyright Information**
Copyright 1990 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 116

האַרבסט
תשנ״א

AUTUMN
1990

ארויסגעגעבן פון:

● לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

● ל.א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
● אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כּוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטווירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
ד״ר מאַרטין טאַפט, פּרעזידענט

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842

# HESHBON

***PERIODIC LITERARY REVIEW***

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048

EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A. CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, Financial Sec'y and Administrator
337½ N. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif. 90048–Tel. 655–1292
Members: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ & J. SHAFER

Subscription price: $ 8.00 per year

# אינהאַלט


ש.י. לאַנדינסקי: ליד — 3
יצחק קאַהאַן: י.ל. פרץ — דאָס וואָס בלייבט — 4
י.ל. פרץ: דער בריליאַנט — 11
חנן קיעל: לידער — 15
משה וואַלדמאַן: לידער — 16
שואל גוטמאַן: די פּיעטעט פון אַ גלוביקין אַגנאָסטיקער — 19
מאיר חרץ: לידער — 24
משה שקליאַר לידער — 27
לילי בערגער: דער גורל פון אַ גאון — 28
משה עטינגער: לידער — 32
שמואל איזבאַן: אין דער חרובער שטאָט פּאָמפּעי — 34
ישראל גובקין: די אָזיערע (פּאָעמע) — 38
רבקה קאָפּע: לידער — 39
חנן קיעל: די ליטעראַרישע און הומאַנע ירושה פון י. הירשהויט 40
חיים קעניגער: לידער — 46
עקיבא פישבין: דוד טושינסקי — דער קינסטלער פון דער מיניאַטור — 49
חיים פלאָטקין: לידער — 54
יוסף האָרן: בריוו פון יידישע שרייבער — 56
הינדע זאַרעצקי: איזי כאַריק (פּאָעמע) — 59
פסח מאַלעוויטש: דער גאַסט (דערציילונג) — 60
משה שקליאַר: אונדזער טביה (דערציילונג) — 62
גרוניאַ קאהן: לידער — 69
ישראל גובקין: שורות צו אברהם שולמאַן — 70
יצחק קאַהאַן: מיניאַטורן — 71
נייע ביכער — 73
משה כהן: ל.אַ. יידישער קולטור־קלוב אויפן שוועל
פון 60 יאָר טעטיקייט — 74
לילקע מייזנער: ווערטער פון אָנערקענונג און ליבשאַפט — 78
גרשון פרידמאַן: משה נאָדעלמאַן ז״ל — 79
באַגריסונגען — 80 — 87

משה שקליאר: רעדאַקטאָר

ישראל גובקין: מיטרעדאַקטאָר

# חשבון

נומ. 116

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג:
מיטגלידער:
גרשון פרידמאַן, פינ. סעקר.
און אַדמיניסטראַטאָר
נתן גראַוויטש, משה כהן
און
יעקב שייפער

46 סטער יאָרגאַנג, נומער 116 • האַרבסט 1990 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


**ה'תשנ"א** **5751**

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**אַלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער**
**ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.**

**רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג**
**פון „חשבון"**

## ש. י. לאַנדינסקי

### יום־הדין*)

איך וואַרט נישט אָפּ דעם צענטן תשרי־טאָג
די מעשים וועג איך תמיד אויף אַ וואָג,
מחשבות שטעל איך תמיד פאַר אַ דין
עס משפט שטרענג אַן אינערלעך: — "איך בין".

כל־נדרי־ניגון קלינגט אין מיין געדיכט,
און יעדער שטערן — אַ יום־כּפּיר־ליכט.
און פאַסטן פאַסט איך יעדן אויגנבליק
אַך, נהנה בין איך זעלטן פון אַ גליק.

איך קלאָג צוזאַמען מיטן ווינט: — "על חטא"
דער עכאָ יעדעס וואָרט צו גאָט באַגלייט
נעילה ברענגט מיר יעדער זונפאַרגאַנג,
און שופר בלאָזט מיין שמש, דער געדאַנק.

און גוטס און שלעכטס געוויגן אויפן קווינט
פאַרגעבן ווערט מיר קיינמאָל נישט קיין זינד,
און שטראָפן שטראָפט מיין חלום און מיין וואָר,
און יעדע רגע הייבט זיך אָן מיין יאָר.

*) צוגעשיקט פאַרן "חשבון" דורך דער אלמנה פונעם דיכטער — העלען לאַנדינסקי.

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# י.ל. פּרץ — דאָס וואָס בלייבט...

## (צו זיין 75־סטער יאָרצייט)

דוכט זיך, אַז וועגן קיין שום אַנדערן יידישן קינסטלער איז אַזוי פיל נישט געשריבן געוואָרן, ווי וועגן פּרצן. מען האָט געטייטשט און אַריינגעטייטשט אין יעדער שורה און צווישן די שורות: אין די דריי פינטעלעך און די נישט דערזאָגטקייטן פון זיין סטיל — אין די אָפּגעהאַקטע זאַצן פון זיינע הייסע שורות — אין דער גאַנצער פאַרשידנאַרטיקייט פון דעם פענאָמענאַלן ווערק — בכתב און בעל־פּה — וואָס הייסט: י.ל. פּרץ.

עס גלויבט זיך נישט, אַז מען קען שוין עפּעס נייס מוסיף זיין צו דעם וואָס ס׳איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן פּרצן אין לויף פון דעם יאָרהונדערט. מען קען אָבער ביים אָפּצייכענען זיין 75־סטע יאָרצייט אַרויסהייבן דאָס וואָס איז געבליבן פון אים, פון זיינע פּאַרזייטע קערנער אין דער יידישער ליטעראַטור און אינעם יידישן לעבן, וואָס מיר באַצייכענען:

— פּרצעס ירושה.

רעטראָספּעקטיוו גענומען, קענטיקט זיך באַשיינפּערלעך די אויסווירקונג פון פּרציזם אין אונדזער תקופה — בעת זיין לעבן און נאָך זיין טויט — ווי אַ מין היסטאָרישע עוואָלוציע, אין וועלכער דער פּרץ־פּאָרטרעט איז דער פאָקוס פון טראַדיציאָנאַליזם און מאָדערניזם אין דער הײנטצייטיקער יידישער געשיכטע. נישט אַריינגייענדיק דאָ אין דעם עצם ענין פון קאָנטראָווערסאַלן כאַראַקטער, אויף וויפל דער געניאַלער יחיד קען מיט זיין לעבן און שאַפן באַווירקן דעם גאַנג און דעם פּראָצעס פון רעוואָלוציע, איז אָבער בלתי ספק, אַז אין דעם גאַנג פון עוואָלוציע האָט די געניאַליטעט פון דעם אַקטיוון שעפערישן יחיד אַ גרויסן חלק ונחלה אין אויספורעמען דעם איבערגאַנג פון איין עפּאָכע צו אַ צווייטער.

אַרטור קעסטלער האָט אין זיינע לעצטע ווערק זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויף די גרויסע ענדערונגען אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן געדאַנק, און אין דעם פּראָצעס פון עוואָלוציע וואָס עס האָבן געהאַט בייגעשטייערט די גרויסע היסטאָרישע געניאַלע יחידים. ער הייבט אַרויס זייערע באַשטימטע ענלעכע שטריכן און איינער פון זיי — די אָנונג פון דעם גרויסן קריזיס, וואָס פאָדערט אַ לייזונג. פון איין זייט האָבן זיי אַרויסגעוויזן סקעפּטיק, ביז אַ פאַרלייקענונגס־פּונקט פון די טראַדיציאָנעלע אמתן און דאָגמעס, וואָס נעמען פאָרויס יעדע זאַך פאַר זיכער; פון דער צווייטער זייט, אַן אָפענער קאָפּ צו גלייבן יעדע נייע קאָנצעפּציע, וואָס פאַרמאָגט עפּעס אַ צוזאָג... פון דעם קומט אַרויס בולטער די מעגלעכקייט צו זען באַקאַנטע, אָנגענומענע זאַכן אין אַ ניי ליכט, אין אַ נייעם קאָנטעקסט.

אַרטור קעסטלער רעדט וועגן דער אַלגעמיינער מענטשלעכער געשיכטע און אירע עטאַפּן. ער ווייזט אָן פאַר וואָס דער פילאָזאָפישער קלימאַט אין גריכנלאַנד, נאָך דער מאַקעדאָנישער דעראָבערונג, איז געווען רייף פאַר אַזאַ קאָנצעפּציע פון דעם אוניווערס און נישט פאַר קיין אַנדערער; פאַר וואָס דער 17־טער יאָרהונדערט איז געווען רייף פאַר ניוטאָנס קאָנצעפּציע און דער 20־סטער י״ה פאַר איינשטיינען און פרוידן. ער אַנאַליזירט די אַלגעמיינע שטימונג פון טראַנזיט און די אָנונג פון אַ גרויסן קריזיס וואָס האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן מענטשלעכן ספּעקטער פון אַקטיוויטעטן: סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, רעליגיעזער גלויבן, קונסט, וויסנשאַפט און דאָס געפיל, אַז די גאַנצע

טראַדיציע איז געוואָרן אָפּגעשניטן פון הויפּטקוואַל, פון דער רעאַלער לעבעדיקער ווירקלעכקייט.

ווען מיר גייען צו מיט די מאָסן פון דעם אַנאַליז צו דער פּרץ־תּקופה, זעען מיר אי דעם אַלגעמיינעם יידישן קלימאַט פון זיין צייט מיט אירע טראַדיציאָנעלע דאָגמעס, וואָס נעמען אָן יעדע זאַך פאַר זיכער, און פון דער צווייטער זייט — אַן אָפענער קאָפּ צו יעדער נייער קאָנצעפּציע, צו זוכן עפּעס וואָס שיינט צו פאַרמאָגן אַ נייעם צוזאָג.

פּרץ איז געווען דער אומרואיקער זוכער. און זיין גרויסקייט ליגט פיל מער אין זיין זוכן, ווי אין זיין געפינען. זיין גייסטיקער דינאַמיזם האָט נישט פאַרטראָגן קיין פאַרגליווערטע דאָגמאַטישקייט פון וועלכער ער איז געווען דער שאַרפסטער קעגנער.

זיינע מאָנעגוגען און פאָדערונגען צו יידיש־אוניווערסאַלע און אוניווערסאַל־יידישע אויפגאַבן האָבן סינטעטיזירט די אוצרות פון פאַרגאַנגענע דורות מיט די האָפענונגען וואָס זיי טראָגן פאַר די קומענדיקע דורות. פאַרקניפּן די ירושה פון די פריערדיקע צייטן מיט דעם מאָדערנעם צייטגייסט פון דער געגעבענער עפּאָכע דורך אַ סינטעז צווישן דעם נאַציאָנאַלן מיט דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן; די אַלצייטלעכע ירושהדיקע יידישקייט דאַרף נישט געמומען ווערן אין איר פאַרגליווערטקייט, נאָר אין איר דינאַמישקייט וואָס איז פאַרבונדן מיט אוניווערסאַלקייט — דאָס איז דער הויפּט־עלעמענט פון פּרציזם.

לאָמיר דאָ באַמערקן, אַז דעם גייסטיקן שעפערישן מענטש, בפרט דעם קינסטלער, דערקענט מען נישט נאָר דורך זיינע גוט אויסגעפורעמטע שלימותדיקע פאַרענדיקטע ווערק, נאָר דורך דער ליידנשאַפט פאַר זיינע אידעען, דורך דעם גאַנצן ספּעקטער פון זיינע מחשבות, בענקשאַפטן און געפילן, וואָס שטראַלן אַרויס פון זיין שעפעריש־ווירקנדיקער פּערזענלעכקייט. נאָך מער: זיין גייסטיקע געשטאַלט בלייבט לעבעדיק אַפילו ווען זיינע ווערק, רייד און געדאַנקען זענען טיילווייז פאַרבלאַסט געוואָרן אין גאַנג פון דער צייט.

ווען מיר באַטראַכטן היינט פּרצעס אויסווירקונג אין דער יידישער ליטעראַטור, זעען מיר דעם אומרואיקן דינאַמישן גייסט, וואָס האָט מיט זיינע זוכענישן אין יעדן קוואַל פון אַמאָל און היינט געוויזן, ווי אַזוי מען קען פאַרבונדן דאָס ירושהדיקע און אַלצייטלעכע מיט דעם מאָדערניזם פון היינטצייטלעכקייט. דאָס זוכן גופא איז פאַר אים געווען אַ גרונטמאָטיוו אין זיין עקספּערימענטאַלער לאַבאָראַטאָריע. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש זיין באַקאַנטער זאָג: „נישט דאָס וויסן, נאָר דאָס קלערן". און דורך זיין שאַפן גייט טאַקע דורך — צווישן אַנדערן — דער חוט המשולש פון זוכן, צווייפלען און שטרעבן.

פּרץ איז אין דער יידישער ליטעראַטור געווען א צענטראַלע אַקס פון אלע מאָדערנע אידעען און מחשבות מיט וועלכע מיר ראַנגלען זיך אין אונדזערע טעג. ער איז געווען פּלוראַליסטיש אין אַלע זיינע אויסשטראַלונגען. אין זיינע ווערק זענען דאָ די בריקן וואָס פירן אונדז צו דער וועלט און דערביי נישט וועלן אָוועקגיין פון זיך אליין. ער לערנט זען די וועלט מיט יידישע אויגן און שפּירן אין זיך די גראַוויטאַציע, וואָס איז נישט נאָר אַ געזעץ אין דער פיזיק, נאָר אויך אין דער גייסטיקער וועלט. ייד־זיין איז דער היים — געפיל, דאָרט וווּ איך געהער, וווּ איך דאַרף זיין אין זין פון עמאָציע, שטאַם, סביבה און אין ברייטערן זינען — פאָלק.

פּרצעס ניגון אין דער יידישער ליטעראַטור איז רייך אין פאַרשידענע טענער און ניואַנסן. ער האָט אים אויסגעזונגען ליריש און עפּיש, דראַמאַטיש און דערציילעריש. ער האָט אים באַגלייט מיט סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע טענער אין זייער בילדלעכער פּלזייטיקייט און פראַגמענטאַרישער פאַרשיידנקייט. עס איז נישט נייטיק צו דערמאָנען,

אַז אין פראַגמענטאַרישקייט איז בטבע נישט פאַראַן קיין גאַנצקייט, דאָך, אומדערוואַרטעט, קומט אַמאָל אַרויס פון דעם אַ גאָנצקייט, א נייער סינטעז, אַן אויסגלייכעניש צו שלימות פון דער פראַגמענטאַרישער פאַרשיידנקייט. עס איז אויך אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון אַ שעפערישן פראָצעס, נישט צו זען זאַכן לויט דער געווינהייט פון אַסאָציאַטיוון קאָנטעקסט, נאָר אין אַ נייער ראַם און קאָנצעפּציע באַגלייט פון סקעפּטיציזם און גלויבלעכקייט. דאָס איז מער אַן אופן פון אַנען, אַזאַ וואָס איז באַפרייט פון דעם קאַטאַראַקט פון אָנגענומענע גלויבונגען. ס'איז אַן אַקט פון צעשטערן און פון קרעאַטיווקייט, וואָס עס מאַכט צייטנווייז דורך אַ מיסטיקער, ווען זיין נשמה גייט דורך דער פינצטערניש פון נאַכט צום ליכט פון אויפגייענדיקן טאָג, ווי אַרטור קעסטלער האָט עס בעצייכנט אין זיין שאַפן.

אין פּרצעס ווערק איז פאַרשפּיגלט דער היסטאָרישער פּראָצעס פון עוואָלוציע פון יידישן גייסט, וואָס האָט אויפן שוועל פון 20־סטן יאָרהונדערט געדאַרפט אינטעגרירן פאַרשידענע קעגנזעצלעכע שטרעמונגען און זיי קאָאָרדינירן אין אַ באַלאַנסירטער גאַנצקייט.

און גאַנצקייט אין דער ספערע פון קולטור (און ציוויליזאציע) באַשטייט נישט פון סומירן טיילן, נאָר פון זייער האַרמאָנישער אינטעגרירונג און קאָאָרדינאַציע. איז אָבער יענע עוואלוציע תקופה געשטאַנען אונטערן צייכן פון שאַרפע שטרייטן צווישן חסידות און השכלה — צוויי שטאַרקע לעבעדיקע שטראָמען אין דער יידישער געשיכטע, וואָס האבן אויפגערודערט דאָס יידישע לעבן אין 19־טן יאָרהונדערט.

די קאַמפן צווישן די ביידע ריכטונגען זענען באַגלייט געוואָרן מיט אַ שאַרפן קריזיס אין דער יידישער געשיכטע, פאַר וועלכער עס האָט זיך אַוועקגעשטעלט די פראַגע: וווהין גייט דאָס יידישע לעבן? וועט מעגלעך זיין צו שפּינען ווייטער דעם יידישן געשיכטלעכן פאָדעם אין גייסט פון קאָנסערוואַטיזם, פון אַ גייסטיקן געטאָ? אָדער פירט עס צו אַסימילאַציע, צו דער נאַציאָנאַלער אויפלייזונג צווישן די אַרומיקע פעלקער?

די השכלה אידעאָלאָגיע האָט געקעמפט מיט ציין און נעגל מיט דער קאָנסערוואַטיווער סביבה פאַר וועלטלעכער בילדונג און קולטור, צו באַפרייען דעם קריטישן געדאַנק פון די קאָנסערוואַטיווע צוימען און אַרויספירן דאָס יידישע לעבן פון זיין פראָווינציעלקייט און פאַרגליווערטקייט צו מאָדערנער קולטור פון אייראָפּעישקייט און אַלוועלטלעכקייט. אָבער נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, אין די אַכציקער יאָרן, זענען די השכלה־אידעען געלעגן פאַרבלוטיקט און די אַנטוישונגען אין זיי האָבן אַרויסגערופן נייע שטרעמונגען, די אידעע פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, די אויפוואַכונג פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פון איין זייט, און פון דער צווייטער — די סאָציאַליסטישע אידעע, דער קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און באַפרייאונג. צו די פריערדיקע צוויי, זענען דוגעקומען די לעצטע צוויי שטרעמונגען אויפן שוועל פון 20=סטן יאָרהונדערט.

אונטערן צייכן פון די פיר שטראָמען אינעם יידישן לעבן און זייערע קאָנסטרוקטיווע כוחות, האָט זיך אָנגעהויבן די פּרץ תקופה מיט איר געשיכטלעכן שמעלצטאָפּ אין וועלכן עס האָבן זיך אַריינגעגאָסן די ענערגיעס פון די פיר זיך באַקעמפנדיקע ריכטונגען. און עס געהערט צו פּרצעס גרויסע פאַרדינסטן, וואָס ער איז געווען דער ערשטער טיפערער זעער און אַריינדרינגער אין די געשיכטלעכע פּראָצעסן פון זיין תקופה. ער האָט אינטעלעקטועל און קינסטלעריש אַרומגענומען די ברייטע האָריזאָנטן פון די פיר באַזונדערע זיך צוזאַמענגעטראָפענע שטראָמען, וואָס ציען אין פאַרשידענע ריכטונגען...

ער האָט אָפּגעשאַצט די היסטאָרישע באַדייטונג און די נאַציאָנאַלע ווערטן פון יעדער באַזונדערער ריכטונג. אין חסידות — די פאַריינגערונג פון דער יידישער רעליגיע. איר באַלעבן דאָס רעליגיעזע געפיל דורך נגינה, טאַנץ און התלהבות, איר ברענענדיקע גאולה בענקשאַפט און אויסלייזונג חלומות, באַהאָפטן מיט לעבנס אָפּטימיזם (דער עכטער חסידישער שמחת־החיים), די פאָלקסטימלעכקייט און דעמאָקראַטיזאַציע, וואָס די באַוועגונג האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער געזעלשאַפט. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט פּרץ געזוכט צו געשטאַלטיקן אין זיינע דערציילונגען און דראַמעס.

אויך די אַנדערע דריי שטראָמען פון דער תקופה — השכלה, נאַציאָנאַלע אויפלעבונג און די סאָציאַליסטישע באַפרייאונגס אידעע — האָט פּרץ געפורעמט אויף זיין ספּעציפישן אופן, אַרויסגעהויבן זייערע וואַליאָרן און זיי געשטאַלטיקט עפּיש, ליריש און דראַמאַטיש. גייען מיר דאָ נישט אַריין אין דער פּלוגתא, צי אים איז קינסטלעריש טאַקע געלונגען צו געשטאַלטיקן בשלמות אידעען, פּראָבלעמען, טיפּן. דאָס געהערט צו אַן אַנדער טעמע, מיט וועלכער מיר קענען זיך דאָ נישט פאַרנעמען. וואָס מיר ווילן אָבער יאָ אונטערשטרייכן איז פּרצעס אינטעלעקטועלע ברייטערע האָריזאָנטן צו באַנעמען און באַגרייפן דעם קאָמפּליצירטן צושטאַנד פון אַ געזעלשאַפט, פון אַ קולטור און ציוויליזאַציע, וואָס שטאַמט בעיקר פון דער אָפּגעשוואַכטקייט פון אירע קאָאָרדינירנדיקע כוחות, מחמת אירע באַזונדערע טיילן מיט זייער עגאָצענטרישקייט פירן זיך אומאָפּהענגיק, ווילן אָנוואַרפן זייערע געזעצן, און פירונגען דעם גאַנצן אָרגאַניזם, גלויבנדיק באמונה שלמה, אַז דאָס איז צום געזונט, בעת פאַקטיש ברענגט עס גאָר שאָדן דעם העכערן אינטערעס פון גאַנצן אָרגאַניזם. אָט די דערשיינונגען האָבן זיך אין פאַרשידענע תקופות איבערגעחזרט אין דער אַלגעמיינער געשיכטע, און דאָס איז אויך געשען אין דער יידישער געשיכטע, ווען איין ריכטונג האָט געפּרוווט אירס אָנוואַרפן דעם כלל.

* * *

ווען מיר צייכענען אָפּ פּרצעס 75־סטן יאָרצייט, זעען מיר וויפל פון זיין שאַפן האָט נישט היינט מער ווי אַ קולטור־היסטאָרישע באַדייטונג. לדוגמא ווען מיר נעמען היינט אין האַנט זיינע "בילדער פון אַ פּראָווינץ רייזע". אוודאי זענען דאָרט פאַראַן פאַרצייכענונגען פון מנהגים און שטייגערבילדער פון דעם לעבן אויף דער פּראָווינץ אין סוף 19־טן יאָרהונדערט. אָבער דאָס קען נאָר באַטראַכט ווערן היינט ווי אַ טייל פון דעם דענקמאָל, וואָס מענדעלע האָט אַזוי קלאַסיש אויפגעשטעלט, און איז דערגאַנצט געוואָרן דורך אַ ריי שפּעטערדיקע דערשינענע זכרונות.

וואָס ס'איז יאָ מערקווירדיק לגבי די "בילדער", איז דער אופן, ווי אַזוי זיי זענען צושטאַנד געקומען, דאָס וואָס אַ געשמדטער ייד (יאַן בלאָך) האָט אויף זיך גענומען דעם יאָך צו אָרגאַניזירן אַ יידיש־סטאַטיסטישע עקדפּעדיציע איבער דער יידיש־פּוילישער פּראָווינץ בכדי צו העלפן די יידישע פאָלקסמאַסן, איז נישט געווען קיין אָפּטע דערשיינונג אין אונזער געשיכטלעכן לעבן. יאָ. ער האָט געטרישט די אמונה, אָבער זיין האַרץ איז געבליבן מיט יידן, ער האָט געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט העברעישע און יידישע ליטעראַרישע ווערק און אויך די פאָלקס־אויסגאַבעס וואָס האָבן פּראָפּאַגירט היגיענע. ער האָט געזוכט צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע און קולטורעלע מערכה פון די פאָלקסמאַסן — דאָס אַליין איז אַ טעמע פאַר אַ היסטאָריש בעלעטריסטיש ווערק.

אויך פּרצעס "יום־טוב בלעטלעך" זענען פאַר אונדז נאָר אַספּעקטן פון אַ

קולטור — היסטאָרישן כאַראַקטער. אמת, עס האָט נאָך אַ באַדייטונג, ווי דער ערשטער אָרגאַן פון דעם נייעם טיפּ ייד, באַהויכט מיט דער סאָציאַלער אידעע, מיט איר דינאַמישקייט. עס איז דער אָנזאָג פון דעם נייעם כוח, וואָס האָט גענומען זיך אויפוועקן פון זיין דרימלען, און איז אַרויף אויף דער גזעזלשאַפטלעכער בינע. שפּעטער וועלן מיר ווייטער זיך טרעפן ביי פּרצן מיט דעם נייעם שיכט אין די פאַרשידענע ליטעראַרישע זשאַנערן, און אויך אין "באָנטשע שוויג" מיט זיין קאָלעקטיוון און יחידישן כוח, פון וועלכן ער האָט אַליין נישט געוווסט...

אָבער דער גרויסער פּרץ באַווייזט זיך דאָך ערשט אין זיין פאָרם פון ראָמאַנטיזם. ביז אים איז קינסטלערישער ראָמאַנטיזם געווען אַ פרעמדער בגד אין דער יידישער דערציילקונסט וואָס איז געווען מיט קאָפּ און לייב און לעבן דורכגעדרונגען מיט דעם רעאַליסטישן זשאַנער.

פּרץ איז געווען נישט נאָר ערשטער קינסטלערישער אויסדרוק פון ראָמאַנטיזם אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט געקענט ווייזן אין אַ ניי ליכט, אין אַ נייער אויפפאַסונג ראָמאַנטישע געשטאַלטן פון פאָלקסדיכטונג, נאָר אויך דער ערשטער וואָס האָט טיפער אָפּגעשאַצט די פּערל פון יידישן פאָלקלאָר. ער האָט ביים פאָלק אויסגעבאָרגט די ראָמאַנטישע געשטאַלטן, בכדי דורכצוליכטן זיי פון אינעווייניק. דער למדוואָוניק, אליהו הנביא און די אַלע אנדערע העלדן פון יידישן פאָלקלאָר, וועלכע פּרץ האָט געשטאַלטיקט אין זייער אינעווייניקסטער שיינקייט, עטישער דערהויבנקייט, זיי פאַרקערפערן נישט נאָר דעם אמת פון שיינקייט, נאָר די שיינקייט פון אמת, פון העכערע ווערטן און העכערע וועלטן.

אָט די ראָמאַנטיק איז געווען אַ נייער אָנהייב פון טעמאַטישער אָנגעלאָדנקייט, פון תוך־פּראָבלעמען, באַהויכט מיט דעם טראַנס פון באַפליגלטער יונגקייט און געפיל־ניואַנסירטקייט. דינקייט פון געדאַנק, טיפקייט פון געלייטערטער מחשבה, פאַרטיפונג אין מענטשלעכן איך געהערן צו די ברענפּונקטן פון פּרציזם. די אינדיווידועלע פסיכאָלאָגיע, דער גורל פון יחיד מיט זיינע סתירות און ריסן, די אינערלעכע קאָנפליקטן — דאָס האָט נאָך פּרץ אָנגעהויבן געשטאַלטיקן אין "מאָניש" מיט וועלכן ער האָט דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור. הגם אויבנאויפיק איז עס דאָך אַ רעאַליסטישע לעבנסדראַמע, אויפן פאָן פון דעם אַלטן לעבנסשטייגער און קולטור־ראַם, אָבער אונטער דער אויבערפלאַך באַווייזט זיך אַ גאַנצע יידישע לעבנספילאָזאָפיע געטובלט און איינגעהילט אין פאָלקלאָר און ראָמאַנטיק. שוין אין "מאָניש" קענטיקט זיך די ספּעציפישע פּרציש[ע] לירישקייט און דינקייט פון דער יחידישער אויסגעפורעמטער געפילס־אויפלעבונג.

דורך "מאָניש" האָט פּרץ גלייך זיך אויסגעטיילט פון מענדעלען און שלום עליכמען דערמיט, וואָס ער האָט צו דעם כלל צוגעגעבן דעם פּרט. בעת ביי זיינע פאָרגייער האָט דאָס הויפּט אָרט פאַרנומען די טיפּיזאַציע פון דער יידישער סביבה, פון קאָלעקטיוון העלד — כל ישראל, האָט פּרץ דורכגעלויכטן דעם יחידישן העלד, אָנגעשטעלט אויף אים דעם פּראָזשעקטאָר צו זען נישט אַזוי דעם יידן אין דעם מענטשן, ווי דעם מענטש אין דעם ייד. אָט די באַלייכטונג זעען מיר שוין אין געראָטענעם ענשטלינג ("מאָניש"), אָבער פיל מער אין זיינע שפּעטערדיקע שאַפונגען.

"חסידיש" פאַרקערפּערט דעם אינדיווידועל עטישן באַוווסטזיין ביי געשטאַלטן מיט ווילנסקראַפט. נישט דאָס געטלעכע, נאָר דאָס מענטשלעכע ליכטיקט אַרויס פון זייערע נשמות. עס איז פּרצעס מעדיום פאַר זיין עטיש־פילאָזאָפישן געדאַנקען־גאַנג און געדאַנקען־וועלט, מיט דעם טראָפּ אויף דעם הומאַנישן. ער האָט דורכגעלופטערט,

דעמאָקראַטיזירט דעם גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם (אין "צווישן צוויי בערג") און זיך געשטעלט אויף דער זייט פון פאָלק ("פאַר כלל ישראל, פאַרן פּראָסטן יידן"). זיין שטרעבונג איז געווען צו זען גאַנצע מענטשן, דערהויבענע, באַפליגלטע מענטשן ("אַ מענטש דאַרף האָבן פליגל, אָן זיי איז ער גאָרנישט"); אויפהייבן דעם מענטשן פון זיין געפאַלנקייט און דערנידערונג, ווי אין "שלום בית"", ווען חיים וויל חנהן אויפהייבן צו זיך.

אין "פאָלקסטימלעכע געשיכטן", איז שוין דער טראָפּ מער אויף דעם אינדיווידועל עטישן כוח. איינגעטונקט אין פאָלקלאָר, אין מעשיות פון פאַרצייטישקייט, ליכטיקן פון דאָרט אַרויס פּערל, וואָס באַצירן דאָס אַלטע מיט אַ נייער נשמה. דורך דעם מיטאָס און לעגענדארן שטאָף האָט ער געזוכט צו באַליכטיקן דעם היינט מיט אַלמענטשלעכקייט איינגעהילט אין אַ יידישן לבוש.

איינשטעלן זיך פאַר הייליקייטן, און לעבן מיט הייליקע תורות דורך אַלע זייערע אויסשטראַלונגען, דאָס איז אַן עיקר העיקרים פון פּרציזם. זיין אופטו דערביי איז געווען, וואָס ער האָט אונדז געוויזן, וואָס מען קען לערנען ביים פאָלק, דערצו נאָך ביי אַזאַ פאָלק ווי אונדזערס — אַ וועלטפאָלק, אַ וואַנדערפאָלק מיט אַ פּירטויזנטיאָריקער געשיכטע, וואָס ציט זיך פון ניל ביזן ירדן און ווייסל, געשלענגלט דורך רהיין, מעץ, פּראָג, אַמסטערדאַם, קאַסטיליע און אַנדערע ברענפונקטן און ווענדפונקטן פון דער יידישער וועלטמאַפּע.

אַ וויכטיקער שטריך פון פּרציזם איז זיין גייסטיקע אומגעזעטיקטקייט, און דאָס איז געווען דער ריח און רוח פון זיין תורה וואָס ער האָט מיט אונדז געלערנט, בכתב און בעל פּה. זיינע מיטצייטלער האָבן באַשריבן אין זייערע זכרונות, וואָס ס'האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך פּרץ שבעל פּה מיט זיינע פאָעטישע אימפּראָוויזאַציעס, וועלכע האָבן געהאַט אין זיך אַזאַ מאַגנעטיזם און געקענט אָנצינדן די אודיטאָריע מיט אָראַטאָרישער קונסט. זיין בליציקער זאָג איז געקומען אומגעריכט און געווירקט מיט זיין איבעראַשונג, ווי מיט זיין אינהאַלט.

עס איז באַקאַנט פּרצעס טרעפן זיך מיט יוגנט אין וואַרשעווער זאַקסישן גאָרטן, דאָס נאָכקוקן אים אין גאַס מצד צענדליקער אַרבעטער און שילערס, וואָס פלעגן פאַרגאַפּטע אים נאָכפאָלגן מיט זייער בליק. אהרן צייטלין ע"ה, האָט אין זיין פּאָעמע "וואַרשע אין 1912" אַריינגעכישופט אין זיינע שורות די פּרץ געשטאַלט, ביים דורכגיין די גאַס. איך וועל דאָ ציטירן די קורצע שורות, וואָס זאָגן מער ווי גאַנצע בענד:

...אַ געזעצטער מאַן מיט דיקע וואָנצעס פריצישע,
הייסע אויגן, פול מיט כישוף און להטים,
אַ קורצן ברענענדיקן אָטעם,
קומט אָן מיט שנעל פעסטן טראָט.
זיין שוואַרצע פעלערינע פליגלט —
אַ פלאַטער און אַ פאָך,
פאַרגאַפּט
לויפן פענצטער אים נאָך.

דורות, וועלטן, קלאַנגען
יאָגן זיך נאָך אים,
ווילן אים דערלאַנגען,
און ער — ער פליט, ער פליט.

אין גאַנצן כישוף, גלאַנץ און קאָך
אַ פאַרחלומט יינגל קוקט אים נאָך
מיט פרומען ציטערנדיקן דרך־ארץ.
ער ווייסט דאָך ווער דאָס איז —
יצחק לייבוש פרץ...

פרצעס דראַמע ״ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ איז אין דער קריטיק באַצייכנט געוואָרן ווי אַן אויסדרוק פון יאוש און טיפער אַנטוישונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם דיכטער אין די יאָרן פון דער צאַרישער רעאַקציע נאָך דער דורכגעפאַלענער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (1905־1906). אין דער טראַגישער קאַרניוואַל־מיסטעריע אויף דער יידישער גאַס, האָט פּרץ אַרויסגעפירט אַלע שיכטן פונעם יידישן לעבן, אַלע געזעלשאַפטלעכע כוחות — צו די לעבעדיקע מצרף געוווען די טויטע — אַלע צוזאַמען זאָלן מלחמה האַלטן מיטן בלינדן גענץ, וואָס הערשט איבער דער וועלט... אָבער קיינער פון זיי קען נישט העלפן און איינזאַם בלייבט שטיין דער בדחן (דער דיכטער), ווייל אַלע כוחות, פון דער אַלטער, ווי פון דער נייער וועלט, זענען אימפּאָטענט, מאַכטלאָז און עס איז נישטאָ אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, צו קענען זיך אָנשפּאַרן אויף זיי...

איך מיין, אַז דאָס איז מער אַן אוניווערסאַלע דראַמע, ווי אַ ספּעציפיש יידישע. די טראַגיק אירע האָט מער צו טאָן מיט דער אַלגעמיינער וועלטלאַגע, ווי מיט דעם יידישן לעבן. עס איז די אַלצייטלעכע טראַגיק פונעם מענטשלעכן לעבן און טויט, אויסגעשפּילט אין גראָטעסק־פאַרבן. עס איז לעבן וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט טויט, מיט פאַרצווייפלונג און פאַרגיין פון אַלע שיינע אידעאַלן און חלומות, וועלכע צעשווימען, ווי נאָר דער בלעכערנער האָן גיט אַ קריי און מען צעלויפט זיך אין די לעכער... די דורכגעפאַלענע אַלמענטשלעכע שטרעבונגען, וואָס האָבן נישט באַוויזן פאַרווירקלעכט ווערן, נישט באַוויזן צו דערלעבן דאָס נישט אויסגעלעבטע לעבן, דערטאַנצן דעם טאַנץ, וואָס זיי האָבן נישט דערטאַנצט... איז דען דאָס נאָר נוגע דעם יידישן לעבן?

און דער גענץ וואָס רעגירט, איז דאָך נישט בלויז דער אַלטער גריכישער פאַטום, וואָס הערשט אויף רעכטס און אויף לינקס, עס זענען די לעבעדיקע פּאָליטישע פירערס פון דער וועלט — אויך פון אונדזער היינטיקער וועלט, און פון אירע ״פאַראייניקטע פעלקער״ (אונ״אָ), פון דעם נייעם גענץ — נאַפּט מיט זיינע האַרן, פאַר וועלכע אַ וועלט האָט זיך געבוקט... דער דיכטער האָט געזוכט די מענטשן מיט ווילנסקראַפט (״ווילט נאָר, האָט איר בלוט ווי שטאָל״), מענטשן וואָס קענען וועלן פאַרניכטן דעם גענץ איבערן לעבן מיט זייער כוח, מיט גוואַלדמיטלען (״לעבן נעמט מען מיט גוואַלד״). אָבער געפונען האָט ער מאַכטלאָזיקייט אומעטום. דעריבער זענען נישטאָ אין דער טראַגישער נאַכטמיסטעריע קיין לעבעדיקע כאַראַקטערן, נאָר שאָטנס פון מענטשן: זייערע, קלאַנגען, שטימען... בלעכערנע הענער פון לעבעדיקע און טויטע, וואָס קענען נאָר גלעקלען...

שטעל איך זיך נישט אָפּ דאָ אויף די ליטעראַריש־דראַמאַטישע וואַליאָרן פון פּרצעס דיאַלאָג, פון זיין שאַרפן אויסדרוק, נאָר אויף פּראָבלעמטיק, וואָס איז צאַפּלדיק פריש און אַקטועל ביי דעם גאַנצן יאוש, וואָס עס ווייעט פון דער דראַמע, ווו דער דיכטער זוכט און פרעגט: ווו איז צוועק, ווו איז ציל? דאָך איז ער זיך נישט מיאש פון דעם גלויבן אין לעבן, אין מענטש, אין דער צוקונפט (״עפּעס אין האַרץ דאָך בליט. עפּעס טרייבט דאָך און עפּעס ציט״).

י.ל. פרץ

# דער בריליאַנט

אַמאָל איז געווען — האָט רב שלמה, אַן אַלטער ייד, אין בית־המדרש דערציילט — אַ קאַלאַניסט.

פרעמד איז ער געווען אין דאָרף; ער האָט מיט קיינעם און קיינער האָט מיט אים נישט געהאַלטן.

ער האָט גאָר אַן אַנדער לשון גערעדט, און קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען, און נישט געוואָלט פארשטיין!

איינמאָל האָט ער, דער קאַלאַניסט, געפונען אַ בריליאַנט.

רעכט פאַרשטאַנען דערויף האָט ער זיך נישט; קיין האָן איז ער אָבער אויך נישט געווען און וואָלט אים אויף אַ קערנדל ווייץ נישט פארטוישט.

עס שיינט און בליצט; "עס איז א קליינע זון" — טראַכט ער. עס מוז ווערט זיין אַן אוצר.

---

דורך די 75 יאָר, זינט פרצעס טויט, האָט די וועלט בכלל, די יידישע וועלט בפרט, דורכגעלעבט צוויי וועלט־מלחמות און דעם גרויסן היטלער־חורבן, וואָס האָט אומגעבראַכט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. און נאָכן חורבן — דער אויפקום פון מדינת ישראל מיט די אַלע באַגלייט־דערשיינונגען אין דער מדינה און אין די תפוצות, וואָס זענען פארגעקומען אונטער פרצעס מאָנענדיקע אויגן. פאַראייניזאַמט שטייט דער פרץ אוהל אויפן גענשער בית־עולם און וואַכט איבער זיינע אויסגעשאָכטענע יידן אויף דער פוילישער ערד...

האָט א יידישער שרייבער, אברהם זאַק, שטייענדיק ביים פרץ אוהל, פאַר זיין פאַרלאָזן פוילן, אויסגעוויינט דעם יידישן צער, זאָגנדיק צום דיכטער:

"מיר האָבן נישט קיין קברים, קיין בערגל נישט, קיין שטיין,
צו וועמען זאָל זשע קומען אַ ייד מיט זיין געוויין?
צו דיר, אָ, פאָטער פרץ, מיר קומען דאָ, אהער,
פון אַלע גלות־וועגן, איעדער מיט זיין טרער..."

אָבער מיר ווייסן פרצעס ענטפער: זיין רוף צו ווייטערדיקער שעפערישקייט פון יידישער גייסטיקייט. און אין יעדן ישוב זענען דאָ די פונקען וואָס טליען מיט דעם עקשנותדיקן ווילן ממשיך צו זיין אונדזער גייסטיקן לעבן. די אָפּצייכענונג פון דעם דיכטערס יאָרצייט איז אַ מאָנונג צו שעפערישקייט און אַקטיווקייט פאַר אונדזער שווער געפרוווטן לעבן, און בפרט פאַר אונדזער טראַגיש געטראָפּענער יידישער ליטעראַטור. בעת זיין לעבן האָט פרץ אויפגעטאָן פאַר אונדזער ליטעראַטור גרויסע זאַכן. ער האָט איר געגעבן ציל, באַוווסטזיין, שליחות, דערהויבונג און אַלצייטלעכקייט זי זאָל זיין הלל און סליחות, תפילות און מזמורים... זי זאָל, מיט איין וואָרט, ווערן אונדזער גייסטיקע היים אין וועלכער מען לעבט זיך איין מיט איר וואָך און יום־טובדיקייט.

וועל איך מסיים זיין מיין פרץ מאמר מיט א וואָרט פון אברהם ליעסין, אַז "דאָס ווערק וואָס פרץ וועט טאָן נאָך זיין טויט, זאָל זיין אַזוי גרויס, און נאָך גרעסער, ווי דאָס ווערק וואָס ער האָט געטאָן ביי זיין לעבן".

נאָר מיט אַ טייערן שטיין צווישן פרעמדע לייט איז מען מיטן לעבן נישט זיכער!
ווערט מען געוואָר, וועט מען אים די ערשטע נאַכט באַפאַלן, די פענצטער אַרויסנעמען און צונעמען דעם אוצר מיט דער נשמה צוזאַמען!

מע מוז באַהאַלטן דעם שטיין!

דעם ווייב אַפילו וועט ער נישט זאָגן פון ברילּיאַנט אַ וואָרט, ער האָט זי ליב, נאָר אַ יידענע — לאַנגע האָר — קורצער שכל; זי וועט זיך נישט איינהאַלטן.

און ער נעמט זיך צוריקצווועגס צו דער קאָלאָניע און באַגראָבט דעם שטיין אין דער ערד, אין געמיזע־גערטל פאַרן הויז.

פאַר אַ צייכן לייגט ער אויף דעם אָרט אַ קיזל־שטיין; אַ שווערן קיזל־שטיין, ער זאָל דאָס אָרט דערקענען, און אַז עס וועלן קומען בעסערע צייטן, אָן קנאה־שנאה צווישן שכנים אין בפרט צו פרעמדע וועט ער וויסן ווו צו זוכן און צו געפונען דעם אוצר. דעמלט זאָל ער שיינען און בליצן אין שיינעם העלן טאָג!

איינמאָל האָט דאָס יונגע ווייבל דעם שטיין באַמערקט, עס איז איר אַ שאָד דאָס פּיצל ערד, וואָס דער קיזל־שטיין פאַרנעמט; אויף זיין אָרט קאָן אויסוואַקסן אַ ציבלקעלע, אַן אוגערקע... אַ שאָד!

אַליין אַוועקנעמען דעם שווערן שטיין קאָן זי נישט; רופט זי דעם מאַן צו הילף. ער דערשרעקט זיך:

— גאָט באַהיט! — רופט ער אויס, — ריר נישט דעם שטיין!

— פאַרוואָס?

— עס איז אַ מזלדיקער שטיין! ער ברענגט אונדז מזל וברכה!

— עס איז דאָך איינפאַכער קיזל־שטיין?!

— זעסט דאָך! אַזא סגולה האָט ער שוין!

זי גאַפט! זי איז נישט זיכער, צי דער מאַן מיינט עס ערנסט, צי מאַכט ער שפּאַס. זי קוקט אים אין די אויגן אַריין און זעט זיי ערנסט, כמעט האַרט אָן אַ לאַכעדיקן פונק.

נו, דעם מאַן האָט זי ליב, און האַלט אים פאַר קלוג און הערלעך. און גלאַט — אַ יידענע! אַ יידענע איז שטענדיק צופרידן, אַז זי קאָן אין עפּעס גלייבן, — אין אַ סגולה, אין אַ ווונק פון אויבן... און לאַנג צייט צו קלערן האָט זי נישט; דאָס גערטל מוז פארזייט ווערן! פאָלגט זי און טוט אירס.

אויפן צווייטן טאָג באַמערקט דער מאַן צוויי שטיינער אין גאָרטן.

— וואָס איז דאָס? ווער איז דער צווייטער שטיין? פרעגט ער.

און דאָס ווייבל שמייכלט.

דאָס יונגע ווייבל איז גראָד ביינאַכט שלעכט געשלאָפן. עפּעס האָט די לבנה אַזוי ווונדערלעך אַרינגעשיינט דורכן לאָדן...

עפּעס איז איר אַזוי ענג, אַזוי באַנק געוואָרן אויפן הארצן... זי האָט אַזוי מורא געהאַט...

דעם מאַן וועקן האָט זי נישט געוואָלט, האָט זי זיך מיישב געווען, שטיל זיך אַראָפּגעכאַפּט פון בעט, אַרויסגעשלייכט זיך פון שטוב און — צוגעלייגט נאָך אַ שטיין...

עס האָט זי באַרואיקט!

— אינצווייען — שמייכלט זי — איז שטאַרקער.

און וואָס זאָל ער טאָן, דער קאָלאָניסט? גיי, בייזער זיך אויף אַ יידענע, ווען זי שמייכלט אַזוי קינדיש־זיס און לייגט אַרויף די ווייסע שמאָלע הענט אויף די אקסל און דערלאַנגט דעם אַלאַבאַסטער־שטערן צום מויל — —

דעם ווייסן שטערן קושט ער מיט פאַרגעניגן, אין בלויע אויגן זוכט ער אַן ענטפער אויף דעם, וואָס זי איז בייִנאַכט אַזוי אומרויק... און שווייגט!

דעם קוש אויפֿן שטערן האַלט דאָס יונגע ווייבל פאַר אַ לוין פאַר איר גוטסקייט און פרומקייט! און ווען עס ווילט זיך איר אַ קוש אין שטערן — לייגט זי צו נאָך אַ שטיין... טוט ער עס נישט, באַווייזן זיך איר טרערן אין די אויגן.

דאָס פּאָרפאָלק האָט קינדער געהאַט — אַ ייִנגל מיט אַ מיידל.

דאָס מיידל וווּנדערט זיך נישט, פרעגט נישט און טוט נאָך דער מוטער.

די מוטער לייגט גרויסע, די קליינע מאַכטער קליינע שטיינדלעך; נאָר די שטיינדלעך וואַקסן מיט איר צוזאַמען!

דער קלוגער זון פרעגט שוין: וואָס באַטייט עס?

— שטיינער — ענטפערט די מוטער שטאָלץ, וואָס זי ווייסט אַזויפיל — זיינען מזלדיק.

— פאַרוואָס? — וווּנדערט זיך דער קליינער. — און וואָס הייסט מזלדיק? צי האָט מען אַמאָל מער, ווי מע פאַרדינט, ווי מע אַרבעט אויס?

דאָס פאַרשטייט שוין די מוטער נישט.

— פרעג דעם טאַטן, — זאָגט זי.

— וועסט עלטער ווערן — ענטפערט דער טאַטע, — וועסטו דאָס אויך פאַרשטיין!

און אַז דאָס ייִנגל איז אויסגעוואַקסן, האָט אים דער פאָטער דערציילט דעם סוד פון בריליאַנט.

און אַזוי איז געשען אין אַ גאַנץ לאַנגער שורה פון דורות.

איינער האָט איבערגעגעבן דעם צווייטן דעם סוד.

אין יעדן דור האָט איינער געוווּסט פון בריליאַנט און די רעשט האָבן געגלייבט, אַז קיזל־שטיינער זיינען מזלדיק; אַז וואָס מער, איז בעסער, און האָבן שטיינער געלייגט. שכנים קוקן און גאַפן.

טייל לאַכן אין די פויסטן אַריין; אַנדערע, פאַרקערט, האָבן דרך־ארץ פאַר אַלטע מנהגים, וואָס זיי האָבן שוין, קומענדיק אויף דער וועלט אַרויס, געטראָפן אַלס אַלטע מנהגים.

נישט איינער האָט געקלערט, עס מוז זיין נאָך פון דער צייט, ווען מלאכים זיינען אויפן לייטער געקראָכן און מענטשן האָבן געזען.

טייל שכנים האָבן געוואָלט באַווייזן דער משפחה זייער ליבשאַפט און האָבן, פאַר חברקייט, אויפגעהויבן שטיינער פון וועג און אין גאָרטן אַריינגעוואָרפן...

און אין דער משפחה אַליין איז דאָס שטיינער וואַרפן שוין אַ קולט, אַ הייליקער מנהג געוואָרן, אַ מין "עבודת הבורא".

יונגעלייט פּראָטעסטירן: אַלטע בייזערן זיך און דראָען מיט ביינערדיקע פויסטן!

יונגעלייט האַלטן רעדעס קעגן די שטיינער, און די אַלטע זאָגן:

— ווי אונדזערע עלטערן האָבן זיך געפירט, וועלן מיר זיך אויך פירן...

אונדזערע עלטער־זיידעס זיינען קלוגער געווען פאַר אונדז און האָבן שטיינער געוואָרפן — מוז אַזוי זיין!

— נישט אונדזער וועלט, מיר זאָלן זי פאַרבעסערן, איבערמאַכן. אַ גוט פערד גייט אין קאָליע און ברעכט נישט די פיס!

און נאָך אַזוינע ווערטלעך און קלוגע שפּרוכן, אויף וועלכע עס שטייט די וועלט; דאָס הייסט, אונדזער מענטשלעכע וועלט!

און וויל אַ יונגערמאַן עפּעס טאָן דאַקעגן, ווילן די אַלטע "צעברעכן די אייער, וואָס ווילן קלוגער זײַן פֿאַר די היגער!".

און יאָר יערלעך שיידן זיך יונגעלייט מיט טרערן אין די אויגן פֿון אַלטן הויז, פֿון דער אַלטער משפּחה און גייען זוכן אַרבעט אין דער פֿרעמד: עסן ברויט פֿון פֿרעמדע אויוונס, נעכטיקן אונטער פֿרעמדע דעכער; בעטן זיך קוים איין.

ווײַל אין דער היים איז שוין נישט אויסצוהאַלטן!

דער באַרג שטיינער וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג.

ער שיט זיך אָפּ און קומט מיט יעדן טאָג נענטער צום הויז.

מיט דער צייט האָבן די הייליקע שטיינער טיר און פֿענצטער פֿאַרוואָרפֿן.

— עס שאַדט נישט! — האָט מען געזאָגט.

— און מע שטעלט אויף אַ לייטער און מען קריכט דורכן קוימען.

עס האָט לופֿט פֿאַרפֿעלט; קיין אומגליק נישט! אַז מע עסט ווייניק און מע לעבט ווייניק, דאַרף מען ווייניק לופֿט!

און לעבן איז נישטאָ פֿונוואַנען.

נישטאָ ווו צו זייען; ווו צו אַקערן — סאַמע שטיינער, סאַמע שטיינער!

— לאָזט כאָטש — בעטן זיך די יונגע — צוזאַמענשאַרן די שטיינער; זאָלן זיי וואַקסן אין הימל אַרײַן, נאָר ווייניקער אָרט פֿאַרנעמען אויף דער ערד! זאָל זײַן ווו צו אַרבעטן, ווו צו אַקערן און זייען.

— אפּיקורסים! — שרייען די אַלטע. — איבער אונדזערע פּגרים וועט איר צוקומען צו די שטיינער...

רב שלמה פֿאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, נעמט אַרויס אַ שמעק טאַבעק. מיר, וואָס האָבן שוין לאַנג די בייגל פֿאַרגעסן און האָבן ביי דער מעשה דעם אָטעם פֿאַרהאַלטן, עטעמען אָפּ, און עמעץ פֿרעגט:

— און פֿאַרוואָס שווײַגט דער, וואָס ווייסט פֿון בריליאַנט און מאַכט קיין שלום נישט צווישן די אַלטע און די יונגע?

— באַ — ענטפֿערט רב שלמה מיט אַ זיפֿץ — דאָס אומגליק איז טאַקע, וואָס מיט דער צייט האָט מען גאָר אינגאַנצן אָן בריליאַנט פֿאַרגעסן!

צי איז עמעץ פּלוצלינג געשטאָרבן און קיין צייט נישט געהאַט אַ צוואה צו לאָזן!...

צי האָט איינער זײַן אייגענעם טאַטן נישט געגלייבט און זײַן אייגן קינד נישט געוואָלט געבן!...

גענוג — דעם בריליאַנט האָט מען פֿאַרגעסן, און אַלט און יונג שלאָגן זיך איבער שטיינער!

רב שלמה האָט געענדיקט.

און מיר פֿרעגן זיך: ווער איז דער בריליאַנט?

און מיר ווילן טרעפֿן:

— דאָס פּינטעלע ייד?...

— אָנכי"?...

"ואהבת לרעך כמוך"?

נאָר רב שלמה ענטפֿערט נישט, אַ געהיימער שמייכל בלאָנדזשעט אים איבערן פּנים.

— שקצים! — רופֿט ער. — אַהיים; עס גרויט שוין דער טאָג!

**חנן קיעל/** ניו־יאָרק

## 1. ליאַלקעס

פון גורל — פראַנט אין צילינדער
מיר זײַנען צום לעבן אויפגעוועקטע ליאַלקעס,
פּאַיאַצן מיט אָנגעדרייטע ספּרוזשינעס
אין בלענדיקן אויסשטעל־פענצטער,
אַ יריד פון שאָטנס און געשפּענצטער.

אין בלינדן קרייז פון גערײַ און צעשטער
טאַנצט דער פּחד געאָרעמט מיטן געטלעכן באַשער:
נאָר איך אויף דין־האָריקע שטראַלן
דריי זיך סײַוויי אַרויס
פון זיינע שווינדלדיקע ספּיראַלן.

## 2. שקר החן

אַלע ווייסן
זיינע רייד זיינען לויטער פּאָעטישער ליגן,
זיין שווײַגן איז אויכעט שקר החן,
נאָר איך וויל אים גלויבן, זיך לאָזן באַטריגן
ווי מוזיק וואָס כ׳קען נישט פאַרשטיין.

אַלע ווייסן, אַפילו קינדער אין די וויגן,
זיינע רייד זיינען לויטער פּאָעטישער ליגן,
נעכטן איז אַלץ געווען יונג און שיין
שפּיל מיר דעם זעלביקן ניגון
אין האַרבסטיקן פאַרגיין.

## 3.דראַמע

צווישן די געדיכטע האַרבסט־צווײַגן
אין גאָלד־געשפּין פּלאָנטערט זיך
אַ נישט־געענדיקטע דראַמע
פון ליבעס און אַנטוישן,
נאָגנדיקער פּיין פון אַ צעפּרילינגטן אָנהייב,
פּיאָלעטע שפּילן און באַרוישן.

אין פלאַמיקער שקיעה פון בלעטער־געקרויז
האָב איך זיך אַליין אין שפּיל דערקענט
אין איינעם, אַ נישטן געאַנטן פאַרטאָג
איז אַלץ מיט אַנאַנדער געוואָרן פאַרברענט.

## 4. די זלידנע פליג

די קליינע זלידנע פליג לאָזט זיך נישט כאַפּן
פון דער גרויסער האַנט
אין געצאַפּל זי פאַרשווינדט און קומט צוריק
נאָך אַ קרישקע גליק.

משה וואַלדמאַן /פּאַריז

# אין קרייז פון די קרייזן

פונעם ציקל: ״אימפּראָוויזאַציס״ — ביי
די בילדער פון ארדון

א

און זיי וועלן קומען די פעלקער,
אַהערצו זיי וועלן קומען
מיט חלום באַשיינט,
מיט גאָטס נאָמען באַגלייט —
פון וייטן ביז אַלע ווייטן,
פאַרליכטיקט אין אויפשיין —
אַ קרייז אינעם קרייז צו פאַרקרייזן.

איבער אַלע צעריסענע וועגן,
פון אַלע צעחרובטע היימען —
אַ וואָלקן צעהעלטער וועט זיי פירן,
דעם קרייז אינעם קרייז צו פאַרקרייזן.

---

די קליינע זלידנע פליג אין געקריג
מיטן מיסטישן גיגאַנט —
ווי לאַנג וועט זי זיך אַרויסדרייען
פון זיין גרויסער האַנט?

## 5. מיין מאַמעס שקיעה־ניגון

ביים וואָלקן־טויער בלײַך און צאַרט
מײַן ציטערדיקע מאַמע וואַרט,

איינגעצערט און איינגעבויגן
דערשראָקן זוכן אירע אויגן:

ס׳פעלט איר אויס דאָס לעצטע קינד
וואָס פלאַטערט נאָך אין שויבער־ווינט

אין טיכל איינגעהילט זי וואַכט,
אַ ליכטל טריפט אַריין אין דער נאַכט:

איך קריך אויף דערמלדיקע שטיגן,
אויבן קנוילט זיך נאָך דער ניגון;

אַזוי ווי די טייכן פליסן צו ימען,
מידע מיר ציען אַהין צו דער מאַמען

און דרעמלען איין פאַרוויאַנעטע, טריבע
אין בלויען שויס פון דער מאַמעשיס ליבע.

נישט מיט צימבלען, נישט פלייטן,
נישט מיט פידלען, נישט פייקלען.
ביים שיין פון צעצונדענע פאַקלען
אויפשאַלן עס וועט נאָר דער רוף
פון מעשענע, צעשטראַלטע טראָמפּייטן.

און גאָטס שטאָט אין גאָלד־שיין
וועט זיי גריסן פון ווייטן.

ב

פון דורות דורך דורות
אַהערצו דאָ זענען געקומען,
די דאַוועגערס, די זינגערס
מיט גרייז־גרויע בערד — — —

אויף אַקסלען געבויגן,
פון ווינטן צעשליסן,
זייערע גרויע זעק,
דער אָרעם פאַרמעג —

...און געקומען אַהער זענען יונגען,
משיח־טרוימערס צעשיינטע —
פאַרוואָרן דעם חלום אין וואָר
פונעם טאָג דעם געגאַרטן,
וואָס אין צוזאָג פון נביא
איז פאַרזאָגט אונדז — באַשערט.

ג

און אַקערערס און זייערס
פאַרברוינטע און מידע
האָבן מיט חלום געאַקערט,
האָבן מיט חלום געזייט.
דעם חלום געהיט
און דעם חלום באַנייט.

האָבן בויערס דאָ הייזער געבויט,
יעדן שטיין אויסגעצערטלט —
מיט אַ ניגון באַגלייט
אַ געזאַנג פון אַלע געזאַנגען:
והיה באחרית הימים.

*

...און קומען זיי וועלן קומען —
אַהערצו וועלן קומען די פעלקער
אַ קרייז אינעם קרייז צו פאַרקרייזן.

# אויפן חיפה׳ר כביש

א

נישט דאָס הירשעלע, דאָס איילנדיקע גרוי־הירשעלע,
האָט מיך אַהער געפירט אויפן חיפה׳ר כביש.

די גרויע כרמל־בערג, ווו דעם נביא׳ס טראָט
איז איינגעפרעגט אין פאַרשטיינטע זאַמדן —
די אַלטע בערג האָבן מיך אומעטום גערופן.

געליכטיקט אין די טעג מיט דינע שטראַלן,
געמיניעט מיט לבנה־שיין אין קאַלטע נעכט.

און אַ קול פון מרחקים אויפגעהעלט,
האָט די פּיין און די וויי מיר געהיילט.

ב

אין „קאָמי־לאַנד" איך בין געווען אַ נע־ונדער,
אַ באָרוועסער מיט בלוט־צעווונדיקטע פיס —
מיד יעדער טראָט און דער גוף אַזוי שווער.

נאָר פלוצים האָט אַ וואָלקן אויפגעהעלט,
דעם פייערדיקן רייט־וואָגן כ׳האָב געזען
און דעם נביא׳ס טרייסט־רוף — געהערט.

ג

אינעם נעפּל זילבערדיק־גרויען זע איך איצט:
עס וואַקסן העכער די כרמל־בערג, העכער, העכער.

זיי אָטעמען מיט געזאַלצענע ריחות די לופט,
ווען דער צעכוואַליעטער ים, אין רויטער שיין,
צעזינגט דאָס אויפגעשוימטע ערב־נאַכט־ליד
פון די שאָטנדיק שווייגנדיקע בערג.

ד

וויפל תפילה׳ס האָט דער ים שוין געזונגען?
וויפל סודות האָבן די וועלן באַהאַלטן? —
פרעג איך ביים סודותדיק צעזונגענעם ים:

„ווו איז דאָס לייכט־לויפדיקע גרוי־הירשעלע,
וואָס איז מיר אומעטום דעם וועג פאַרלאָפן
ווען דאָס פלינקע ברוינע פיקסעלע
אומעטום האָט געאיילט מיט געפאַר?"

*

„די היילן אויף די גרויע כרמל־בערג
האָבן לאַנג שוין די טויערן פאַרמאַכט",
ענטפערט מיר דער אויפגעשוימטער ים,
מיט אַ צעכוואַליעטן געזאַנג.

חיפה — 1982

שואל גוטמאַן /ניו־יאָרק

# די פּיעטעט פון אַ גלויביקן אַגנאָסטיקער

## א

מאָריס רפאל קאָהען, דאָס ייִדיש־רוסישע אימיגראַנטישע ייִנגל איז געווען איינער פון די אָגנזעענסטע אַמעריקאַנער פילאָסאָפן און באַרימטסטע אוניווערסיטעט־לערערס פון אונדזער צײַט — "אַ מאָדערנער סאָקראַטעס". ער איז געווען נישט בלויז אַ פילאָסאָף וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די טעכנישע פּראָבלעמען פון פילאָסאָפיע, נאָר אַ ליבעראַלער דענקער פאַר וועמען דאָגמאַטיזם אויף יעדן געביט איז געווען אָפּשטויסנדיק. ער האָט האַרמאָניש קאָמבינירט דעם שאַרפן, אַנאַליטישן מוח פון אַ לאָגיקער און דעם אידעאַליזם פון אַ מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן אינטעלעקטואַל. ער איז געווען אַ קעמפער פאַר אומפּאָפּולערע זאַכן, וואָס האָט אויך נישט פאַרגעסן אַז אידעאַליסטן קענען מאַכן אַ טעות; אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט וועלכער האָט געוווּסט אַז די זוכערס פון אמת זענען בלויז אַ קליינע מינאָריטעט.

מאָריס קאָהען איז געבאָרן געוואָרן אין 1880, אין דער שטאָט נעסוויזש, ווײַסרוסלאַנד. אין עלטער פון 12 יאָר איז ער אַריבערגעבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע, און אַכט יאָר שפּעטער האָט ער גראַדויִרט פון סיטי־קאָלעדזש, אין ניו־יאָרק. אין 1906 האָט ער באַקומען זײַן דאָקטאָראַט אין פילאָסאָפיע, פון האַרוואַרד אוניווערסיטעט. פון 1912 ביז 1938 האָט קאָהען געלערנט פילאָסאָפיע אין סיטי־קאָלעדזש, און אַ דאַנק זײַן שאַרפזין און איראָניע איז ער געוואָרן באַרימט ווי אַ זייער סטימולירנדיקער לערער. צווישן די פילצאָליקע ביכער וואָס קאָהען האָט פאַרעפנטלעכט וויל איך דערמאָנען בלויז עטלעכע: "דער זינען פון מענטשלעכער געשיכטע", "שכל און נאַטור", "אַן אַרײַנפיר צו לאָגיק און וויסנשאַפטלעכן מעטאָד" (צוזאַמען מיט ערנסט נאַגעל), "דער גלויבן פון אַ ליבעראַל", "די נסיעה פון אַ בעל־חלומות", און "באַטראַכטונגען פון אַ פרעגנדיקן ייִד".

מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק האָב איך גענומען אַ קורס מיט קאָהענען, אין דער "ניו־סקול פאַר סאָשיעל ריסוירטש", און בין געוואָרן שטאַרק באַאײַנדרוקט פון זײַן בריליאַנטענער לאָגיק און ערודיציע. אַ מענטש פון מיטעלן וווּקס, מיט אַ הויכן שטערן און מידע אָנגעשטרענגטע אויגן, האָט ער דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ טיפּישער אַלטמאָדישער ייִדישער תּלמיד־חכם וואָס זיצט על התורה והעבודה יומם ולילה. קאָהען איז אָבער נישט געווען קיין אָפּגעשלאָסענער קאַבינעט־מענטש, נאָר ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין די שטרייַט־פראַגן אויפן "מאַרקפּלאַץ".

קאָהענס מוטערשפּראַך איז געווען ייִדיש, און במשך זײַן גאַנץ לעבן, אַפילו דעמאָלט ווען ער איז שוין געווען באַרימט אין אַמעריקאַנער אַקאַדעמישע קרײַזן, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער ליבשאַפט צו ייִדיש: ער פלעגט זאָגן, אַז אַ גרויסן טייל פון זײַן בילדונג האָט ער צו פאַרדאַנקען דער ייִדישער פּרעסע. אין די פריִע צוואַנציקער יאָרן איז ער געוואָרן אַקטיוו אין "אָרט", און אין 1933 האָט ער אָרגאַניזירט "די קאָנפערענץ פאַר ייִדישע באַציִונגען" צו וועלכער ער האָט זיך געווידמעט במשך די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן. ער האָט זיך באַטייליקט אין גרינדן דעם וויכטיקן קוואַרטאַלניק "דזשוּאיש סאָשיעל סטאַדיס", און ער איז געווען איינער פון די גרינדערס און דער ערשטער פּראַזיצער פון דעם "פאָרשונג־אינסטיטוט וועגן שלום, און נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען" פון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט. ער פלעגט אויך אויפטרעטן בײַם י.ל. פּרץ שרײַבער־פאַראיין און בײַם ייִוואָ. קאָהען איז געשטאָרבן דעם 25סטן יאַנואַר, 1947.

איצט, ווען אידעאָלאָגיעס האָבן פֿאַרלאָרן זייער אַמאָליקן צויבער, ווען גרונט־דאָקטרינען אין פּאָליטישע איזמען ווערן אָפּגעפֿרעגט; ווען מיר ווייסן אַז מען קען נישט באַווייַזן וויסנשאַפֿטלעך וועלכע ווערטן עס זענען העכער ווי אַנדערע — איצט איז כּדאַי צו באַטראַכטן די יסודותדיקע אידעען פֿון מאָריס קאָהען; זיי האָבן אַלע אַ שייַכות צו אונדזערע הייַנטיקע פּראָבלעמען.

ב

קאָהענס וועלטבאַנעם און לעבנס־חכמה האָבן געוואָרצלט אין זייַן דאָקטרין פֿון פּאָלאַריטעט. די דאָזיקע דאָקטרין לערנט אונדז אַז קעגנזעצלעכע עלעמענטן אָדער כּוחות עקסיסטירן זייַט ביי זייט אין יעדער סיטואַציע, אָדער ענטיטעט, און אַז אַלע דערקלערונגען און לייזונגען פֿון פּראָבלעמען זייַנען אָפּהענגיק נישט פֿון אָפּוואַרפֿן איין פּרינציפּ לטובֿת אַן אַנדערן, נאָר פֿון געפֿינען דעם געהעריקן באַלאַנס צווישן די צוויי היפּוכים — ווי למשל האַמעווען אַן אויטאָביל בעת מען פֿאָרט באַרג־אַראָפּ. לויט דער דאָקטרין קומט אויס, אַז פּרינציפּן וואָס מ׳נעמט געוויינלעך אָן אַז זיי זענען זיך סותר — ווי אייניקייט און פּלוראַליטעט, דאָס באַשטענדיקע און דאָס פֿליסנדיקע, דאָס אידעאַלע און דאָס רעאַלע, דאָס אוניווערסאַלע און דאָס פּאַרטיקולאַריסטישע, פּונקט ווי דער צפֿונדיקער און דער דרומדיקער פּאָלוס פֿון אַ מאַגנעט — אָט די כּלומרשט קעגנזעצלעכע פּרינציפּן זייַנען פֿאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן ווען מ׳ווענדט זיי אָן צו יעדער וויכטיקער ענטיטעט.

אָט דעם פּרינציפּ פֿון פּאָלאַריטעט האָט קאָהען אָנגעווענדט צו סאָציאַלע, ווי צו פֿיזישע און ביאָלאָגישע דערשייַנונגען. ער שרייבט: ״די אידעע אַז . די נאַטור פֿון זאַכן ווענדט זיך אין אַ גלייַכוואָג פֿון קעגנזעצלעכע כּוחות, און אַז דעריבער, כּדי צוצוקומען צום תּוך פֿון דערשייַנונגען, דאַרף מען באַטראַכטן דעם ענין פֿון היפּוכדיקע שטאַנדפּונקטן, אָט דער פּרינציפּ איז געוואָרן אַ פּערמאַנענטער טייל פֿון מייַן פֿילאָסאָפֿישן באַנעם. דער איינזען אַז אייקלידישע און נישט־אייקלידישע געאָמעטריעס, אינדיווידואַליסטישע און סאָציאַליסטישע השקפֿות, מאָניסטישע און פּלוראַליסטישע פֿילאָסאָפֿיעס קענען עקסיסטירן איינע לעבן דער אַנדערער, און אַז יעדער איינע פֿון זיי זאָל אַנטפּלעקן אַ געוויסן אַספּעקט פֿון אַן אַלגעמיינעם אמת — אָט דאָס האָט מיר געגעבן אַן אַרייַנבליק אין כּאַראַקטער פֿון ליבעראַלע ציוויליזאַציעס וואָס האָבן צו פֿאַרדאַנקען זייער שטאַרקייט, פּונקט ווי וויסנשאַפֿט און פֿילאָסאָפֿיע, צו דער דערמוטיקונג און טאָלעראַנץ פֿון פֿאַרשידענע מיינונגען לגבי דער אַלגעמיינערווירקלעכקייט״.

אַרויסגייענדיק, דעריבער, פֿון פּרינציפּ פֿון פּאָלאַריטעט, האָט קאָהען נישט געהאַט קיין צוטרוי צו עקסטרעמע, איינזייַטיקע איזמען וואָס זייַנען אַרייַן אין דער מאָדע, און דערצו האָבן זיי געדראָט צו ווערן נייַע דאָגמעס אויפֿן פּלאַץ פֿון די אַלטע. עס איז אויך געווען אַ גרעסערע געפֿאַר אַז מענטשן וועלן אָננעמען די נייַע תּורות ווי אַבסאָלוטן, איידער זיי וועלן צוריקגיין צו די פֿריערדיקע דיסקרעדיטירטע אַני־מאמינס. דערפֿאַר איז נייטיק צו קעמפֿן שטאַרקער קעגן די נייַע געטער וואָס זייַנען נאָך יונג און פֿריש, ווי קעגן די געטער וואָס האַלטן שוין בייַם בין־השמשות. דער ליבעראַל, האַלט ער, באַטראַכט דאָס לעבן ווי אַן אַוואַנטורע אין וועלכער ער מוז ריזיקירן מיט נייַע סיטואַציעס, אָבער וווּ עס איז נישטאָ קיין גאַראַנטיע אַז דאָס נייַע וועט אַלע מאָל זייַן גוט און אמתדיק.

במשך זייַן גאַנץ לעבן האָט קאָהען אָנגעהאַלטן אַן אַקטיוון אינטערעס אין סאָציאַלע פּראָבלעמען און רעפֿאָרמען, אייַנשטעלנדיק זיך פֿאַר פֿרייַהייט פֿון געדאַנק און

פאַרשונגען. ער האָט באַקעמפט דעם קאָמוניזם און די רוסישע דיקטאַטור. ער ווענדט אָן אין זײַן סאָציאַלער פילאָסאָפיע דעם פרינציפּ פון פּאָלאַריטעט: ״עס דאַרף זײַן דער פרינציפּ פון אָרדענונג, און דער פרינציפּ פון פרײַהייט; קעגנערישע גרופּעס דאַרפן קאָאָפּערירן, ווײַל יעדער גרופּע מוז זײַן קלוג גענוג אײַנצוזען די נייטיקייט צו מאַכן קאָמפּראָמיסן מיט יענע, מיט וועלכע מיר מוזן לעבן און וועמען מיר ווילן נישט אויסראָטן״.

ווי אַ סובטילער דענקער ווייס קאָהען אַז מיטלען ווערן אָפט פאַרוואַנדלט אין צילן, און צילן זײַנען מיטלען צו ווײַטערדיקע צילן. אין זײַן קאָרעספּאָנדענץ מיטן ריכטער פון הויפּטגעריכט האָומס דערקלערט דער פילאָסאָף בפירוש: ״איך באַטראַכט קיין מאָל נישט מיטלען ווי בלויז מיטלען. ווען מיר טראַכטן זיך אַרײַן פאַרשטייען מיר בעסער אַז דער אויסוואַל פון צילן שליסט אײַן די מיטלען, און דעריבער איז סטעריל דאָס אַלטע פּילפּוליסטישע פּראָבלעם: צי דער ציל באַרעכטיקט די מיטלען? אַ ציל וואָס שליסט אײַן געוויסע מיטלען, ווי אַ הויזגעזינט וואָס שליסט אײַן געוויסע דינערס, ווערט איפּסאָ פאַקטאָ אומגעוווּנטשן״.

ג

וואָס איז גוט, און וואָס איז שלעכט? וואָס איז מאָראַליש, און וואָס איז אוממאָראַליש? מאָריס קאָהען האָט זיך געראַנגלט מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען, און ער איז געווען באַוווּסטזיניק וועגן דעם אַז ס'איז נישטאָ קיין וויסנשאַפטלעכער יסוד פאַר סימפּאַטיזירן מיט איין אידעאַל אָדער האַנדלונג אַנטקעגן אַן אַנדער אידעאַל אָדער האַנדלונג. ער ווייסט אַז עס זײַנען דאָ אַ ריי שטערונגען וואָס דערלאָזן נישט אַז מיר זאָלן אָננעמען אַ וויסנשאַפטלעכע שטעלונג צו די לעבנסווערטן. ראשית, זײַנען מאָראַלישע שאַצונגען טיף פאַרוואָרצלט אין אונדזערע אײַנגעוווּינטע עמאָציאָנעלע שטעלונגען און אין דער סביבה פון וועלכער מיר זײַנען אַ טייל. עס איז דעריבער שווער פאַר אונדז זיך אָפּצובינדן פון די וואָרצלען פון אונדזערע אײַנגעשטעלטע גלויבונגען און אָפּצופרעגן וואָס עס שײַנט אונדז צו זײַן ריכטיק; עס איז אונדז נישט ווייניקער שווער צו האָבן די נייטיקע געדולד און אינטעלעקטועלע סימפּאַטיע צו פאַרקערטע שטאַנדפּונקטן וועלכע מיר פאַראַכטן שיער נישט אינסטינקטיוו.

ענג פאַרבונדן מיט די דערמאָנטע מכשולים, איז אויך די נייגונג צו באַרעכטיקן אינסטיטוציעס וואָס עקסיסטירן. דער פאַקט וואָס אַן אינסטיטוציע עקסיסטירט גיט די אַרגומענטן לטובת איר ווײַטערדיק לעבן אַן אומראַציאָנעלע, איבערצײַגנדיקע רבותא (פּאָרהאַנט) איבער די אַרגומענטן קעגן איר עקסיסטענץ. פון דעסטוועגן וואָרפט קאָהען אָפּ דעם שטאַנדפּונקט אַז מאָראַל איז בלויז אַ פראַגע פון מיינונגען און קאָנווענציאָנעלקייטן, און ער פירט אויס אַז כאָטש דער סקעפּטיקער איז גערעכט, אַז ס'איז פאַראַן אַרביטראַרקייט און נישט־באַווײַזנע השערות אין יעדער מאָראַלישער שיטה, איז אָבער נישט געדרונגען אַז מאָראַלישע שיטות זײַנען געבויט אויף השערות, אָדער אַז אַלע השערות זײַנען גלײַך אמתדיק, אָדער גלײַך פאַלש. מיר קענען טאַקע נישט באַשטימען וויסנשאַפטלעך אַז דער ווערט פון איין אידעאַל איז גרעסער פון אַן אַנדערן, אָבער מיר קענען קלאָר מאַכן דעם זינען און מעסטן די קאָנסעקווענצן פון געוויסע ווערטן. ״אָנערקענען אַז קיין צײַטעדיקע האַנדלונג קען נישט פולשטענדיק פאַרקערפּערן דעם אידעאַל, אָט דאָס ראַטעוועט אונדז פון דעם געצנדינערישן קולט צו אַ ספּעציעלער אידעע, וואָס, ווי גוט זי זאָל נישט זײַן, פאַרשטעלט זי דעם וועג צו אַ בעסערער אידעע. אַזוי אַרום האַלטן מיר אָפן דעם וועג צו רעפאָרם, אָבער דאָס האַלט

אונדז אָפּ פון דער פאַטאַלער אילוזיע אַז מיר קענען אַ מאָל האָבן, אָדער אַרונטערברענגען דעם הימל אויף דער ערד — אַן אילוזיע וואָס איז דער מקור פון אַ סך וואָס איז נאָבל, אָבער אויך פון אַ שרעקלעכן פאַנאַטיזם וועלכער האָט פאַרהאַקט די טויערן פון רחמים פאַר דער מענטשהייט".

אָבער בעת קאָהען איז פריי פון דער אילוזיע אַז מיר קענען וויסנשאַפטלעך באַשטימען וועלכע ווערטן עס זײַנען בעסער און וועלכע ערגער, איז ער סימפּאַטיש צו ספּינאָזאַס מיינונג אַז לײַדנשאַפטלעכער רחמנות פאַר אונדזערע מיטמענטשן איז אַ מענטשלעכע שוואַכקייט וואָס מיר טאָרן נישט פאַרלירן. אין דער זעלביקער צײַט באַטאָנט ער אַז עס איז נישט גוט זיך צו אידענטיפיצירן אין גאַנצן מיט די מאַסן, כּדי מיר זאָלן נישט ווערן אָנגעשטעקט פון זייערע צעמישעניש און קאָמפּולסיעס. "ווײַל ווער עס וויל פרײדיקן צו יענע וואָס זײַנען אין מאַרקפּלאַץ, מוז זען ווייטער ווי דער מאַרקפּלאַץ. ער מוז אַרויפגיין אַליין אויפן באַרג תּפילה טאָן... און ווײַזן אַ בײַשפּיל פון חכמה פון איינעם וואָס קען לעבן אַליין מיט זײַן אידעאַל". אמתע אינטעליגענץ, ווייסט דער דענקער, מוז אָנערקענען די גרענעצן און באַרגענצטקייטן פון מענטשלעכן שׂכל, און דער פילאָסאָף, וואָס וויל היילן די קראַנקייטן פון כּלל, מוז קריטיש עקזאַמענירן און דעזינפיצירן זײַנע אינסטרומענטן. אויב נישט, קען ער אָנשטעקן אַנדערע מיט זײַנע טעותן.

ד

פּיעטעט — לויט סאַנטיאַנאַס דעפיניציע: יראת־הכּבֿוד פאַר די וואָרצלען פון אונדזער זײַן — איז פאַר קאָהענען געווען אַ קאָנסעקווענץ פון סאָקראַטעסעס דעוויז: "קען זיך". און אַ ייִד וואָס וויל קענען, און וויל פירן אַ ווירדיק לעבן, מוז קענען געשיכטע פון פאָלק: פאַר אַן אַמעריקאַנער ייִד, האָט קאָהען געהאַלטן, איז אויך וויכטיק צו פאַרשטיין די גרויסע ראָלע וואָס די ייִדישע טראַדיציע האָט געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער געדאַנק, און אין דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע פון די פּוריטאַנישע צײַטן ביזן הײַנטיקן טאָג. ווי פאָרזיצער פון דער "תּלמודישער ביבלאָטעק", האָט פּראָפ קאָהען, צוזאַמען מיט ד"ר חיים טשערנאָוויץ, זיך באַמיט צו שאַפן אַן ענציקלאָפּעדיע וועגן תּלמוד, ווײַל ער האָט געהאַלטן אַז דער תּלמוד איז אַן אייגנאַרטיקער אויפטו אין דער געשיכטע פון ציוויליזאַציע, און אַזאַ דערגרייכונג וואָס וואַרפט אַ ווײַס ליכט אויף דעם היסטאָרישן ווערט און אַלגעמיינעם באַטייט פון ייִדישע בײַשטײַערונגען צו דער וועלטקולטור.

נישט געקוקט אויף קאָהענס איינזײַטיקן צוגאַנג צום ציוניזם, און אויפן פאַקט וואָס ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַן אַטעיִסט, האָט ער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן פרוידס טעאָריע אַז רעליגיע איז אַ נעוראָזיס פון דער מענטשהייט. ווען פרויד האָט פאַרעפנטלעכט זײַן בוך "משה און דער מאָנאָטעיִזם", איז קאָהען שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דעם פּסיכאָלאָגס טעזיס אין שײַכות צו יהדות. ווי באַקאַנט, האָט פרויד אין דעם דערמאָנטן בוך אַנטוויקלט דעם אויסטערלישן טעזיס אַז משה רבינו איז געווען אַ מצרי וועלכער האָט געבראַכט פון מצרים די רעליגיע פון מאָנאָטעיִזם, וואָס ער האָט געגעבן צו ייִדן; אַז נאָך אַ ריי מרידות וואָס ייִדן האָבן געמאַכט קעגן משהס אויטאָריטעט איז ער דערהרגעט געוואָרן אין מדבר; אַז נאָך משהס טויט האָבן ייִדן געליטן פון חרטה. דעריבער איז זײַן אָנדענק זיי געוואָרן טײַער, און דערפאַר האָבן זיי צום סוף אָנגענומען דעם מאָנאָטעיִזם.

דעם דאָזיקן טעאָרעטישן בנין האָט קאָהען פולשטענדיק דעמאָלירט און באַוויזן אַז פרוידס מעטאָד מיט וועלכן ער אָפּערירט איז נישט בעסער ווי דער מעטאָד מיט וועלכן

מען וויל באַווײַזן אַז בייקאָן האָט געשריבן שעקספּירס דראַמעס און פּאָעמעס. מיטן זעלביקן מעטאָד קען מען באַווײַזן אַז שעקספּיר האָט געשריבן בייקאָנס ווערק. פרויד אַליין גיט צו אַז זײַן אופן פון באַנוצן זיך מיט ביבלישע לעגענדעס און טראַדיציעס איז ״אַרביטראַר און אויטאָקראַטיש״, אַז ער באַנוצט זיך מיטן תּנ״ך צו באַשטעטיקן זײַן טעאָריע ווען עס איז אים באַקוועם, און אַז ער וואַרפט אָפּ ביבלישע ראיות ווען זיי זײַנען סותר זײַנע אויספירן. ״זײַן תּירוץ אַז אַלע אַנדערע מחברים האָבן אויך אַזוי געטאָן איז איינע פון יענע דערקלערונגען וואָס מ׳קען אָנשרײַבן ווײַל פּאַפּיר איז געדולדיק און עס פּראָטעסטירט נישט״.

וואָס שייך פרוידס באַהויפּטונג אַז יידן האָבן דערהרגעט משהן — די צענטראַלע טעזע פון פּסיכאָלאָגס בוך — דאָס איז, לויט קאָהענען, אין גאַנצן גרונטלאָז, און אַ ביישפּיל פון אַלטן זאָג: ״איך גלייב ווייל ס׳איז אַן אַבסורד״. קאָהען גיט אָן אַ ריי פאַקטן וואָס באַווייזן אַז פרויד איז ווייניק באַקאַנט מיט דער וועלט־געשיכטע פון אַלטערטום, דעריבער האָט ער זיך איינגערעדט אַז אַלע פעלקער האָבן אָנגעהויבן זייער געשיכטע אויפן זעלביקן אופן לויט אַ באַשטימטן אַפּריאָרי־מוסטער וואָס ווייזט זיך אונדז אויס גלייבווערדיק. אָבער דאָס, זאָגט קאָהען, איז מיטאָלאָגיע, נישט געשיכטע: ״די אידעע אַז געשיכטע אומעטום הייבט זיך אָן מיט דעם פאָטער וועלכער הרגעט זיינע זין, און די זין הרגענען דעם פעָטער, דאָס איז בלויז אַ מאָדערנער ביישפּיל פו דעם נצחון פון דעם מיטאָלאָגישן אינטערעס איבער דעם זאַכלעכן, וויסנשאַפטלעכן ווונטש אויסצוגעפינען וואָס עס האָט אין דער אמתן פּאַסירט. אָבער ס׳איז נישט שווער איינצוזען די לאָגישע דעפעקטן פון דער פּראָצעדור. אויב מאָנאָטעיזם איז געווען דער רעזולטאַט פון אוניווערסאַלן פאָטער־קאָמפּלעקס, פאַר וואָס איז דער מאָנאָטעיזם נישט אויפגעקומען איבער דער גאַנצער וועלט זינט דעם אָנהייב פון דער געשיכטע? פאַר וואָס האָבן יידן פארגעטערט די כּנענישע בעלים... און ערשט שפּעטער, נאָך אַ סך לידן, האָבן זיי אַנטוויקלט די קאָנצעפּציע אַז יהוה איז דער איינציקער אמתער גאָט״.

אָפּוואַרפנדיק מיט אומבאַשטרײַטבאַרער לאָגיק די פּסיכאָאַנאַליטישע טעאָריע אין שייַכות צום מאָנאָטעיִזם, איז קאָהען געבליבן אַ קעגנער פון אַלע פאָרמען פון טעיִזם, ווײַל ער האָט נישט געקענט אויסשטימען די רעאַליטעט פון שלעכטס מיט דער אידעע פון אַ גוטהאַרציקן און אַלמעכטיקן גאָט. פון דעסטוועגן, דערציילט ער אונדז אין זיין רירנדיקער אויטאָביאָגראַפיע: ״די נסיעה פון אַ בעל־חלומות״, ווי אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זײַן לעבן האָט ער אָפּגעשאַצט די ראָלע פון ריטואַל אין מענטשנס עקסיסטענץ: ״אין די טעג פון מײַן ערשטן יוגטלעכן רעוואָלט קעגן יידישע פרומקייטן בין איך געווען גענייגט צו באַטראַכטן קולטוס, תּפילה און ריטואַל פון קנאַפּער וויכטיקייט אין פאַרגלײַך מיט אמונה... מײַנע אייגענע שטודיעס פון די גרויסע היסטאָרישע רעליגיעס האָבן מיך אָבער געפירט אײַנצוזען אַז ריטואַל איז אַן עיקרדיקער פאַקט אין מענטשלעכער רעליגיעזער דערפאַרונג... מענטשן טוליען זיך צו פאַרהייליקטע פראַזן נישט בלויז צוליב די אַרײַנבליקן וואָס זיי פאַרמאָגן, נאָר מער דערפאַר ווײַל דורך ריטואַל און איבערחזרונג זײַנען זיי געוואָרן אַראָמאַטיש מיטן ווײַן פון מענטשלעכער דערפאַרונג. יעדן איינעם פון אונדז באַט אָן דער סימבאָליזם פון אונדזער קינדהייט אַ וועג צו שלום און פאַרשטענדעניש וואָס קען קיין מאָל נישט ווערן פאַרביטן דורך אַנדערע סימבאָליזמען. פאַר מיר זײַנען די אַלטע צערעמאָניעס וואָס פײַערן דאָס אָנקומען און אַוועקגיין פון לעבן, די חתונה־צערעמאָניע, דער ברית, די לוויה, זיי אַלע גיבן אַן אויסדרוק דער קאָנטינויִטעט פון דער גײַסטיקער טראַדיציע וואָס איז מער עלאָקווענט ווי וועלכע עס איז פראַזן וואָס איך קען אויסטראַכטן... און כאָטש איך בין

מאיר חַרַץ / ירושלים

# אין ריזיקן בויך פון דער פינצטערניש

אין ריזיקן בויך פון דער פינצטערניש
מיר קאָכן זיך ווי געזאַלצענע פיש
אין איינעם מיטן טיש,
אין איינעם מיט די טעלער און טעפּ
און מיט די פּאָרלעך אויף די טרעפּ
די פינצטערע און מיטן טאַטן, וואָס שלעפּט
די טאָכטער, די מויד אין שטוב אַרײַן
און מיטן ליידיקן פאַס פון ווײַן
דעם פולן מיט פינצטערניש ווי מיט שײַן
בײַ טאָג, נאָר נישט מיט ווײַן.

דער גרויסער, דער ריזיקער פינצטערניש בויך
האָט פײַנט ווײַן און האָט פײַנט יויך
און אַנדערע משקות צענדליקער אויך.

די איינציקע משקה, וואָס ער האָט ליב
איז ביר, כאָטש גאַנצע פעסער אים גיב
מיט שוים, וואָס בלײַבט אים אויף דער ליפּ
און שלעפּער אים אײַן און נעם אַ ריפּ
אַרויס פון זײַן אינגעווייד און אַ קניפּ
אין גרויסן הינטן אַרײַן אים גיב,
אַז ער זאָל טאָן אַ גרויסן שפּרונג
און נעם אים אַראָפּ פון דער נאַסער צונג
אַן אָקסענעם האָרן, אַ קאָפּ פון אַ פיש
און האָלץ אַ שטיק פון אַ פוס פונעם טיש
און טרײַב אים דורכן פענצטער אַרויס,
נאָך איידער סע טאָגט אין דײַן קליינעם הויז
און מיט דער פינצטערניש איז אויס

ירושלים, זונטיק, 15טער אַפּריל, 1990

---

קײַן מאָל נישט צוריקגעגאַנגען צו טעאָלאָגישער איבערנאַטירלעכקייט, בין איך געקומען דערצו אַז איך זאָל אָפּשאַצן מער ווי אַ מאָל דעם סימבאָליזם דורך וועלכן מיר פײַערן די מענטשלעכע נויטווענדיקייט צו געטרויען זיך אין אַ גרעסערער וויזיע לויט וועלכער קאַטאַסטראָפעס קומען און גייען אַוועק, אָבער די קאָנטינויטעט פון לעבן און גלויבן אין בעסערע מעגלעכקייטן האָבן אַ תּקומה". דערמיט האָט מאָריס קאָהען דעמאָנסטרירט אַז אויך אַ וועלטלעכער ייִד — אויב ער איז געטרײַ צו זיך און באַוווּסטזיניק וועגן די טיפסטע יירונגען אין זײַן וועזן — איז אַ רינגעלע אין דער "גאָלדענער קייט" וואָס ציט זיך פון הר־סיני ביז ניו־יאָרק.

## די רייפן אויפן צווייפל

די רייפן אויפן צווייפל,
די רינגען פון דער קייט,
די סטרונעס פונעם פײַפל,
דאָס פײַפן פון דער פלייט.

די בענדלעך פון די זאָקן,
די זאָקן פון די פיס,
די קלאַנגען פון די גלאָקן,
די פוסטריט פון אַ ריז.

דאָס פענצטער פון די שויבן,
די שויבן פונעם גלאָז,
דער אונטן פונעם אויבן
פון סאַמע בײַ דער נאָז.

דער מאָרגן פונעם נעכטן,
דער נעכטן פונעם הײַנט,
דאָס שפּילן אין געפעכטן
מיט סאַמע נאָנטסטע פרײַנד.

צעשטערט זענען די זאַכן
אין משך פונעם יאָר,
בכדי זיי ווידער מאַכן,
באַדאַרף דער טאָג זײַן קלאָר.

ירושלים, 28 סטער אַפּריל, 1990

## דער חלף (מְשָׁלִים'דיק)

אַלע ווייסן, אַז אַ חלף דאָס איז נישט קיין האַרף,
אָבער זאָגן, אַז דער חלף איז נישט שאַרף,
ווײַל סע לוינט אַזוי צו זאָגן,
ווײַל אַזוי מע דאַרף,
ווײַל מע הייסט אַזוי,
איז ווי זאָגן,
אַז קיין טרוקן שטרוי
ברענט נישט אין קיין פײַער
און סע קען אונדז אָט דאָס זאָגן
גלאַט אַזוי,
אין דער וועלט אַרײַן
קאָסטן זייער זייער טײַער.
ס'איז ווי זאָגן,
אַז די שײַן

קומט נישט פון די ליכטער אויבן,
נאָר פון חלף, וואָס מיר לויבן,
כאָטש מיר ווייסן, אַז דער חלף דאָס איז נישט קיין האַרף
און מיר האָבן מורא פאַר זײַן שאַרף.

(ירושלים, 25סטער אַפּריל, 1990)

## אַ שטעקן האָט צוויי עקן

אַ שטעקן האָט צוויי עקן,
אַ נאָדל האָט צוויי שפּיצן
און אויב דו קענסט נאָך מאַכן קעגן
זיך אַליין די שאַרפסטע וויצן,
וועסטו דאָס לעבן איבערלעבן.

פון הינטער סאַמע דײַנע פּלייצעס
גייט נאָך דײַן שונא מיט אַ מעסער,
דאָס הענטל האַלט ער פעסט ווי לייצעס
און פּילט אין זאָטל זיך נאָך פעסטער,
ווען גאָר דײַן פּלייצע גרייט און ברייט איז.

נאָר וואָס געשעט דאָ? אין זײַן האַנט זיך
געפינט דאָס שנײַדנדיקע קלינגל,
ווי ס׳אויערל פון אַ נאָדל שפּאַלט זיך
און שטעכט אַרײַן זיך אין די פינגער.
דײַן פּלייצע אָטעמט פרײַער, גרינגער.

(ירושלים, 26סטן אַפּריל, 1990)

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

"HESHBON" — G. FRYDMAN, *Fin. Secretary*

337½ No. Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048

פאַרוואַלטונג „חשבון" Phone: 655-1292

## משה שקליאר

# אין שאָטנס פּאַרהילט

*

פון יענעם ליד
איז שוין פאַרגאַן
אַ ים מיט לייד
מיט אויסגעזונגענע
און
נישט דערזונגענע
חלומות

פון יענעם ליד

נאָר איך
טראָג אַלץ אין זיך
דעם עכאָ
פון אַ יעדן זילב
און צייטנווייז
ער שניידט זיך
איין אין האַרץ
ביז בלוט
און ס'איז גוט
ס'איז גוט אַזוי
דער ווייטיק

פון יענעם ליד

*

די טריט
שוין לאַנג פאַרגעסענע
וועקן ווידער אויף
דעם אומרו
פון דער נאַכט
ווער

איך וואַך
צוזאַמען מיט מיין שאָטן
וואָס הענגט
אַן אויסגעצויגענער
אויף ווייסן הימל
און וויגט זיך
איבער שוואַרצן וואַלד
פון שלאָפנדיקע הייזער

ווּהין
ווּהין אַנטלויפן
פון מיין שאָטן
און דעם שאָטנדיקן קלאַנג
פון טריט
אינמיטנוועלט

*

אויך דער אינמיטן
האָט אַ סוף
צי האָט ער
עס גייט אַ יעדער סוף
צו זיין אין סוף
ווי וואַך
צו שלאָף
ווי אויפגאַנג
צום פאַרגיין
ווי פינצטערניש
צו שיין
עס איז אָן אויפהער
גיין און גיין
צו
נאָר סיי ווי
ערגעצווו
בלייבסט שטיין
אַליין

*

און דעמאָלט
גייט אויף אַ געזאַנג
וואָס דו הערסט נישט
און ווייסט
אַז עס זינגט

יעדער קלאַנג
וואָס וויברירט ערגעץ טיף
ווי אַ קוואַל
אונטער פעלזיקן גרונט
שוועבט אין דער לופט

לילי בערגער / פּאַריז

# דער גורל פון אַ גאון

ס'איז געווען דאָס יאָר 1890. דער זומערדיקער טאָג איז מלא־חן. די תבואה־פעלדער הינטערן שטעטל אָווערס־סיר־אואַז, נישט ווייט פון פּאַריז, זענען אין פולער רייפקייט, אין פולן רייץ. די רייפקייט איז באַצירט מיט העלן, דעליקאַטן געל, וואָס דער קינסטלער האָט שטאַרק ליב געהאַט. די זון אַראָפּשפּרייזנדיק פון זעניט האָט צעשפּרייט אַ שלל גאָלדענע פונקען. די פעלדער אַרום זינגען מיט מוזיק פון קאָלירן. די זשוקעס מיט זייער זשומען באַגלייטן דאָס געזאַנג פון די רייכע קאָלירן.

צווישן די יום־טובדיקע פעלדער שפּאַנט מיט שווערע טריט, נערוועז אַן איינזאַמער, עלנטער מאַן וועמענס עלטער איז שווער צו דערקענען, ווי ער וואָלט קיין עלטער נישט געהאַט. דער קאָפּ איז נאָך פול באַדעקט מיט האָר. דאָס בערדל — אַ יונגס. דער שטערן אַ הויכער, אָבער דאָס פּנים פאַרוואָלקנט, די ליפּן פאַרביסן אין אַ ווייטיק־ליניע, ווי זיי וואָלטן איינגעהאַלטן אין זיך אַ ווייטיק־געשריי. די ברייט צעעפנטע אויגן וויינען אָן טרערן; די גאַנצע געשטאַלט איז ווי אויסגעקנאָטן פון צער און אומעט און דער צער און אומעט ראַנגלען זיך אין אים.

פון מאָל צו מאָל שטעלט זיך דער נע־ונדניק אויף אַ רגע אָפּ, קוקט זיך אַרום מיט צעטומלטע אויגן ווי ער וואָלט געוואָלט איינשלינגען דעם פילפאַרביקן פּייזאַזש. און אָט שטעלט ער זיך אָפּ אַנטשידן, נעמט אַרויס פון קעשענע אַ פּיסטאָלעט און שיסט אויס אין זיך. באַלד הויבן אָן זיינע ליפּן צו מורמלען: "דאָס האָט זיך אויך נישט איינגעגעבן". ער כאַפּט זיך אָן מיט בײדע הענט פאַרן בויך, ווי ער וואָלט מורא געהאַט דער בויך זאָל זיך נישט אָפּרייסן פונעם קערפּער. אַ באַגאָסענער מיט שווייס הייבט ער אָן

אַרום דיר
צינדט פייערלעך־שייטערס
אין נאַכט

קאָנסט פילן
זיין שאַרפן גערוך
און זען אים
מיט אויגן פאַרמאַכט
קאָנסט זען אים
קאָנסט הערן
דעם קלאַנג
דיין אייגן געזאַנג
פון אַ ווייטן
א ווייטן
אַ מאָל

*

דער ווייטער אַ מאָל
וואָס איז מחוץ דיר
און אין דיר
באַגלייט דיך
ווי יענער פאַרגעסענער
קלאַנג
אין שאָטנס פאַרהילט
און ווייסט נישט אַליין
אַז ס'איז דאָס געזאַנג
פונעם אייביקן ווינט
פון בלי
און פון וויאַנען
פון אַ מאמען
ביים וויגל
פון איר נאָך נישט
געבוירענעם
אָדער פאַרלוירענעם
קינד

צו שטעלן פּאַמעלעכע, מידע טריט אין דער ריכטונג פון דער נאָענטער געביידע. "כ'האָב זיך געוואָלט אָפּנעמען דאָס לעבן נאָר אָנשטאָט אין קאָפּ געשאָסן אין בויך".

מ'האָט אים אַריינגעפירט אין זיין צימער, געלייגט אין בעט. זיין דאָקטער גאַשע, וועמענס פּאָרטרעט ער האָט מייסטעריש געמאָלט האָט געוואָלט אים ראַטעווען, אָבער ווי אַזוי אים ראַטעווען ווען דער פאַרוואונדעטער וויל דורכויס נישט לעבן? אויפן דריטן טאָג, דעם 27־סטן אויגוסט 1890, האָט דער זעלבסטמערדער אויסגעהויכט די נשמה.

א שטילע לוויה, אַן אָנגעשאָטן בערגל ערד אויף אַ דאָרפישן צמענטער. קיינער האָט דעם געשטאָרבענעם נישט געזעגנט מיט עטלעכע ווערטער, חוץ איינעם האָט אים קיינער נישט באוויינט. מ'האָט וועגן זיין טויט נישט געשריבן פונקט ווי מ'האָט פאַר זיין לעבן נישט געשריבן וועגן אים און וועגן זיין קונסט.

דער געשטאָרבענער זעלבסטמערדער איז געווען דער 37־יאָריקער ווינצענט וואַן גאָג.

חדשים נאָך זיין טויט האָט זיין יינגערער ברודער טעאָ, דער איינציקער מענטש וועלכער האָט אים דאָס גאַנצע לעבן אונטערגעהאַלטן, אויסגעהאַלטן מאַטעריעל, דער וואָס האָט מיט אַ סך מאַטערנישן פאַרקויפט איין איינציק בילד פון וואַן גאָגן, זיך גענומען גרייטן אַן אויסשטעלונג פון ברודערס בילדער. פון צער און דערשיטערונג איז ער אָבער געשטאָרבן נאָך 6 חדשים פון ווינצענטס זעלבסטמאָרד.

* * *

ווען איך בין מיט 8 און 7 יאָר צוריק געווען אין אַמסטערדאַם און צוויי מאָל באזוכט דעם גרויסאַרטיקן ניי — אויסגעבויטן וואַן גאָג — מוזעאום, באַוואונדערט זיינע בילדער און די איינריכטונגען פון מאַטעריאַלן און דאָקומענטן אין אונטערשטן טייל מוזעאום צו שטודירן דעם קינסטלערס לעבן און ווערק, האָט מיר מיין באַגלייטער דערנאָך געזאָגט: אויב וואַן גאָג וואָלט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מ'וועט אים אַ מאָל אויסבויען אַזאַ מוזעום וואָלט ער מסתמא נישט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

כ'האָב זיך גראָד איצט דערמאָנט אין יענעם זאָג פון מיין באַגלייטער, איצט, ווען ס'גייט אָן אַזאַ וועלט־טומל צום הונדערסטן יאָר נאָך וואַן גאָגס טראַגישן טויט. כמעט 4 יאָר האָט מען געגרייט דאָס אָפּמערקן די דאַטע פון זיין סוף־לעבן. מ'האָט קיין אַמסטערדאַם אַראָפּגעבראַכט אויפגעזוכטע בילדער און צייכענונגען פון דער גאַנצער וועלט און די פאַרזיכערונגס־סומען גריכן צו שווערע צענדליקער מיליאָנען דאָלאַרן. נישט געקוקט דערויף האָבן געוויסע קאָלעקציאָנערן נישט אָנגעטרויט די דעראָבערטע ווערק. זיינע צונויפגעזאַמלטע בילדער האָט מען מיט פּיעטעט אויסגעשטעלט אין זיין אייגענעם מוזעאום און די צייכענונגען אין אַ באַזונדערן גרויסאַרטיקן מוזעאום. די צוויי אויסשטעלונגען זענען פייערלעך דערעפנט געוואָרן דעם 30־סטן מערץ דורך דער האָלענדישער קעניגין גופא. הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן זענען פאַרבעטן געוואָרן צו די פייערלעכע דערעפענונגען. און נאָך קיין מאָל איז אַן אויסשטעלונג פון אַ קינסטלער נישט אָרגאַניזירט געווען אויף אַזאַ ברייטן, אַלוועלטלעכן פאַרנעם. ס'איז אויסגערעכנט, אַז אין די ערשטע 4 חדשים וועלן זיך קוויקן מיט וואַן גאָגס ווערק אַ מיליאָן באַזוכער. זיי קויפן אויס בילעטן אין ספּעציעלע ביוראָען אין זייערע לענדער אויף אַ באַשטימטער צייט (אָנגעצייכנט טאָג און שעה). אַן אוניקום אין דער געשיכטע פון קונסט אַזאַן אָפּצייכענען אַ דאַטע פון אַ גרויסן שאַפער. עס זעט אויס ווי מ'וואָלט אָפּגעצאָלט מיט אַ סך פּראָצענטער דעם זעלטענעם קינסטלער פאַר אַלע זיינע אומגליקן און פאַר די עוולות, וואָס מ'האָט אים אָנגעטאָן אין זיין קורצן לעבן. דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט

פאַרגיטיקט דאָס מיט וואָס די צווייטע העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט זיך פאַרזינדיקט.

* * *

ווינצענט וואַן גאָג (געבוירן 1853) איז געווען אַ זון פון אַ האָלענדישן באַשיידענעם פּאַסטאָר אין אַ קליינער אָרטשאַפט. אין דער פריער יוגנט האָט ער אויך גערעכנט צו ווערן אַ פּאַסטאָר. אַ מיסטישע נאַטור, האָט ער אַ סך שטודירט די ביבל. זיין ערשטער דורכפאַל איז געווען ביי די טעאָלאָגישע עקזאַמענס. מ׳האָט אים דאָך באַשעפטיקט אַלס גייסטלעכן ביי די קוילן־גרעבער אין באָרינאַזש (בעלגיע) וווּ ער האָט באַגערט צו טיילן דאָס אָרעמע און זייער שווערע לעבן פון די קוילן־גרעבער, אָפּגעבנדיק זיך זיי מיט לייב און לעבן. דערמיט האָט ער דווקא קיין דערפאָלג נישט געהאַט. מ׳האָט אים אין גיכן באַזייטיקט.

ער האָט נאָך צו יענער צייט נישט גערעכנט צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער מאָלער, הגם ער האָט שטענדיק מיט פּאַסיע געצייכנט. ער איז אָנגעקומען אין אַ קונסט־גאַלעריע צו זיינעם אַ פעטער אין לאָנדאָן און פאַרליבט זיך מיט לייב און לעבן אינעם שטוב־מיידל, וועלכע האָט אים ברוטאַל אָפּגעשטויסן. אין גיכן האָט ער באַקומען אַ נייעם קלאַפּ: אומקערנדיק זיך אַ היים האָט ער זיך אויף זיין אופן שטאַרק פאַרליבט אין זיין יונגער קוזינע. אַלס צייכן, אַז ער וואָלט געגאַנגען פאַר איר אין פייער און וואַסער, האָט ער פאַר אירע אויגן געהאַלטן זיין האַנט איבער אַ פלאַם־פייער. ס׳האָט נישט געהאָלפן. זי האָט אים פאַריאָגט פון זיך. פון דער נאַטור אַן עמפינדלעכער, מיט אַ האַרץ פול מיט רחמנות, האָט ער פון גאַס אַריינגענומען צו זיך אַן אָנגעטראָפענע אומגליקעכע גאַסן־פרוי מיט אַ קינד, געוואָלט זיי באַשיצן. די פרוי איז אַפילו אַ געוויסע צייט געוואָרן זיין מאָדעלקע. ס׳האָט לאַנג נישט געקאָנט אָנהאַלטן. די ווינטערדיקע קעלטן, דער הונגער האָט אים געצוווּנגען זיך אומצוקערן צו זיינע עלטערן, וועלכע האָבן אים נישט פאַרשטאַנען, נישט געדולדעט.

אַ געוויסע צייט האָט ער געוווינט אין אַ בוידעם־שטיבל פונעם הויז פאַר די גייסטלעכע פון דער קירכע. אין גיכן האָט דער גלח פאַרבאָטן, אַז עמיצער זאָל פאַר אים פאָזירן. האָט ער אויך דאָס הויז געמוזט פאַרלאָזן אַן איינדאַמער.

אַ פאַרשטויסענער, אָפּגעשטויסענער פון אומעטום, האָט ער געפונען בלויז אַ באַהעלטעניש אין צייכענען און מאָלן. דער מאָלער האָט טיף געלעבט אין זיין געמיט, אין זיין גאַנצן וועזן, אָבער אין יענע אומשטענדן לאַנג געדרימלט. עכט מאָלן האָט ער אָנגעהויבן שפּעט, צו 27 יאָר. פון צייכענונגען, אַקוואַרעלן איז ער איבערגעגאַנגען צו מאָלעריי. דער דרימלענדיקער געניאַלער טאַלאַנט האָט זיך אויפגעוועקט שטורמיש. ער האָט פון אָנהייב געמאָלן רעאַליסטיש און וואָרשיינלעך, לויט זיין געמיט, אין טונקעלע פאַרבן; געמאָלן דאָס אָרעמע פּויערישע לעבן, פּייזאַזשן, שטיל־לעבנס; צווישן בילדער וועגן דאָרפישן לעבן איז דעמאָלט געבוירן געוואָרן דאָס באַקאַנטע בילד ״די קאַרטאָפל־עסערס״. מ׳האָט אים ווייניק וואָס פאַרשטאַנען. און ווער פון זיינע אַרומיקע, פון זיין סביבה האָט פאַרשטאַנען דאָס בילד ״די ליידיקע שטול״ פון וועלכער ס׳שטראָמט טיפע, ווייטיקדיקע איינזאַמקייט? (די שטול האָט זיך שפּעטער איבערגעחזרט), וואָס האָט פאַר יענער אומגעבונג באַדייט אַ בילד מיט אַ פּאָר גראָבע, מענערישע אַרבעטס־שיך מיט אויפגעלאָזענע שיך־בענדלעך פון וועלכע עס שרייט אַרויס דאָס שווערע פּויערישע לעבן?

וואַן גאָגס טאַלאַנט איז נישט געווען קיין גראָדליניקער. ס׳איז גענוג געווען פאַר אים

צו זיין אויף אַ באַזוך אין אַנטווערפּ, ווו ער האָט געזען רובענס בילדער, יאַפּאַנישע מאָלעריי און ער איז צוריקגעקומען אַ באַפליגעלטער קאָלאָריסט. אָבער דער גרויסער מייסטער קאָלאָריסט האָט ערשט אויפגעשטיגן ווען ער איז אין 1886 געקומען קיין פּאַריז צו זיין ברודער טעאָ, דעם אייגנטימער פון אַ קונסט־גאַלעריע. ס׳איז געווען די עפּאָכע פון אימפּרעסיאָניזם; ער האָט אין צוויי יאָר דערגרונטעוועט און זיך צוגעאייגנט — אויף זיין אופן — די דאָזיקע ריכטונג, באַזוכט באַרימטע קינסטלער־אַטעליעס, באַקענט זיך מיט אָנגעזעענע מאָלער. פּאַריז איז געוואָרן פאַר אים אַ שטויסקראַפט. די קאָלאָריסטיק האָט אויפגעברויזט אין אים. ער איז אָבער קיין מאָל נישט געווען קיין נאָכפאָלגער, נאָר אַן אַנטדעקער, אַן אָריגענעלער שאַפער. זיינע העלע קאָלאָריסטישע פאַרבן זענען פראַגמענטירט. ער האָט פון דער רויטער און גרינער פאַרב אַרויסבאַקומען מענטשלעכע פּאַסיעס.

דער דורשט צו קאָלאָריסטיק צו זון, צו דער נאַטור האָט אים געטריבן קיין דרום־פראַנקרייך, ער באַזעצט זיך אין שטעטל אַרל. ״מ׳דאַרף נאָר אויפמאַכן די אויגן און מאָלן״ — האט ער געשריבן צו טעאָ. ער האָט געאַרבעט ווי אַ באַנומענער. ער האָט געשריבן צו טעאָ ווי אַזוי ער פעסטיקט צו מיט אייזערנע שטענגלעך די שטאַלוגע (מאָלברעט) צום באָדן, דער שטורעם — ווינט זאָל זי נישט אומוואַרפן, און מאָלט. ס׳איז געווען זיין קינסטלערישער אויפשטייג, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט זיינער אַ פּערזענלעכער טראַגעדיע.

וואַן גאָג איז שטענדיק געווען אַ צעוויִיטיקטער. ער האָט מיט אַלע חושים אָפּגעפילט די איינזאַמקייט. אַ באַרוישטער פון דער דרום־ליכט, פון די דרומדיקע בונטע פאַרבן, האָט ער פאַרטראַכט צו שאַפן אינעם געבענטשן ווינקל אַ גרופּירונג פון מאָלער. ער האָט זיך געוואָנדן צו אייניקע באַקאַנטע פּאַריזער מאָלער צו קומען אַרבעטן צוזאַמען מיט אים. אָפּגערופן אויף זיין איניציאַטיוו האָט זיך בלויז גאָגען. ווי טראַגיש די שותפות פון ביידע קינסטלער האָט זיך פאַר וואַן גאָגן פאַרענדיקט איז באַקאַנט. דערמאָנען דאַרף מען דאָך, אַז גאָגען מיט זיין האַרטן כאַראַקטער האָט בעת אַ שאַרפן שמועס אָדער קריגעריי דערפירט דעם עמפּינדלעכן און פסיכיש־אָנגעשטרענגטן וואַן גאָגן צו אַ שגעון־אויסברוך. זיין אויטאָפּאָרטרעט מיטן פאַרוואונדעטן אויער פון וועלכן ער האָט אליין מיט אַ בריטווע אָפּגעשניטן אַ שטיקל איז אַ טרויעריקער עדות פון יענער דראַמע.

* * *

וואַן גאָג האָט אין געוויסע פּעריאָדן געמוזט פאַרבלייבן אין היילונגס־אַנשטאַלטן, בעת די טראַגישסטע פסיכישע קריזיסן האָט ער נישט אויפגעהערט צו מאָלן; געשאַפן דעמאָלט וווּנדערלעכע בילדער ווי די ״אויסגעשטערנטע נאַכט״, ״דאָס פעלד מיטן געלן ווייץ״, ״דאָס אָליוון־פעלד״ — קוקנדיק מערסטנטייל דורכן פענצטער — און פּאָרטרעטן פון זיינע דאָקטוירים, אויטאָפּאָרטרעטן.

קוקנדיק אויף וואַן גאָגס בילדער דערפילן מיר דעם מענטשלעכן געראַנגל. מ׳קאָן זאָגן, אַז פון יעדן אָדער כמעט פון יעדן בילד שרייט אַרויס אַ מענטשלעכער צער. מיך האָט באַזונדער גערירט דאָס בילד מיטן אַלטן מענטש אויף דער שטול מיטן קערפּער אויסגעבויגן, דעם קאָפּ איינגעקלאַמערט אין די הענט. וואָס פאַראַ געדעמפטער מענטשלעכער אומגליק!.

בילדער געמאָלן מיט די סאַמע זוניק־לויכטנדיקע פאַרבן וויברירן, ווירבלען מיט מענטשלעכן געראַנגל, אָדער גאָר צאַפּלען מיט זיינע האַרץ־צאַפּלענישן. בלויז צייטנווייז איז זיינט אַ בילד באַפרייט פון שווערן ראַנגלעניש און באַהויכט מיט אַ

משה עטינגער / ניו־יאָרק

## קוהלתדיק

דער מענטש,
דער צלם אלוהים, איז בלויז אַ פּינטל:
ווי אַ מוראַשקע ער שאַרט זיך, ר'פּלייסט
אָנצוהאַלטן דאָס קווינטל
לעבן, — זיין "איך"
און מיט געזאַנג פון חלום
וואָס אין שטילער נאַכט
פון הימלישן טורעם
ער באַזינגט דעם "איך"
און פאַרשיכורט זיך
מיט הלל און לויב —
ביז צו פאַרגעסן —
אַז ער טאָפּטשעט אין שטויב
פון לעבן וואָס צילט,
צום שטויב פון טויט.

---

וואַרעמען ליריזם, אָבער אויך נישט אָן אַ לייכטן דראַמאַטיזם ווי למשל "דאָס תבואה־פעלד מיט די קראָען". ווי ס'זאָל נישט זיין האָט וואַן גאָג אין זיין הויך קינסטלערישער שאַפונג אויסגעדריקט זיינע טראַגישע איבערלעבונגען. ער האָט אַליין געהאַט געזאָגט: "אין יעדן בילד מיינעם איז פאַראַן טיפער אַנגסט". ס'איז געווען זיין אייגענער אַנגסט און אויך אַלמענטשלעכע ראַנגלענישן, אויסגעדריקט אין אַלע פאַזעס פון זיין צאַלרייכער שאַפונג אין זיין קורצן לעבן.

בסך — הכל איז אים באַשערט געווען עכט צו שאַפן בלויז 10 יאָר און געלאָזט האָט ער פון דער קורצער צייט, ווי פאַרשער שאַצן, צווישן 800 און 1000 ווערק, נישט רעכענענדיק די מייסטערהאַפטע צייכענונגען, אַקוואַרעלן. ניין, דער אומגליקלעכער, פאַרהונגערטער קינסטלער, וועלכער האָט זיך אויסגעהאַלטן בלויז פון דער שטיצע פון זיין ברודער טעאָ, האָט אין קיין שום געבענטשטן חלום נישט געקאָנט חלומען, אַז זיינער אַ זון־רויז זאָל אין 100 יאָר אַרום פאַרקויפט ווערן אויף אַ ליציטאַציע אין לאָנדאָן פאַר 36 מיליאָן דאָלאַר.

* * *

וואַן גאָג האָט זיך נישט געיאָנט נאָך דערפאָלג. פאַרקערט, ער האָט צו זיין ברודער געשריבן, אַז דערפאָלג איז די ערגסטע זאַך פאַרן קינסטלער. געמיינט דערמיט האָט ער, אַז דאָס שטערט צו ראַנגלען זיך פאַר אַ העכערן ניוואָ, פאַר פערפעקטקייט. ער האָט אָבער באַגערט, אַז זיינע בילדער זאָל מען זען. זיין גרעסטער באַגער איז דאָך געווען צו דערגרייכן פּערפעקטקייט. אין זיין דראַנג צו שלמותדיקייט האָט ער זיך געהאַט אויסגעדריקט (ווען ער איז געווען אויפגעלייגט): "כ'וואָלט געוואָלט קענען שאַפן בילדער, וואָס אין אַ הונדערט יאָר אַרום זאָלן זיי פאַר מענטשן אויסזען ווי זעלטענע דערשיינונגען".

זיין טרוים אין וועלכן ער האָט נישט געגלויבט, איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אַ סך פריער ווי נאָך הונדערט יאָר.

# אַן אויסגעלאָשן ליד

די בלומען רויטע—פלאַמען,
די בלעטער גרויע—וויאַנען!
די גראָזן געלע—שלאָפן
אין דעם קאַלטן טוי.

די צווייגן דאַרע—שטאַרבן,
די ביימער מידע—דאַרבן.
דער ווינט אַ בייזער טראָגט
אַן אויסגעלאָשן ליד.

# דער בלויז

די שעהן קרישלען זיך אויף דעם ציפערבלאַט
די טעג פון לעבנס־זייגער.
די צייט—אַ שווייגער
שמייכלט
און פאַרצייכנט
די שריפט:
״מנא, מנא, תקל—
—געציילט, געציילט, געוויגן
און דעם שטריק פאַרצויגן
אויף דער תליה פון מענטשס לעבן.
באַהאַלטן איז דער סוד
די מיל, וואָס מאָלט דאָס ברויט
פאַרן יחידס גורל:

דער ענטפער איז אַ בלאַנק:
דעם בלויז פילט אויס
דער טרויער פון ניט וויסן.

# פאַנטאַזיע פון אַ וואָר*)

געווידמעט פריידלען

מיין באָבע מרגלית אין דער סאַמעטינער פאָלערינע
צעשפּרייט ווי פליגל פון אַ פויגל
פליט
איבער גאַסן שיפּוע, ליקלעך קרומע
און זוכט איר יידישן נעכטן.
אונטער איר ציט אַ סטאַדע דאַרע שאָף.
דער אַלטער באַראַן מוקעט ווי אַ קו
־ניטאָ, ניטאָ, ניטאָ!
אין מיטמאַרק קראַקעט אַ שוואַרצע קראָ
עס איז חושך, גרויל, טויטשטיל.

**שמואל איזבאַן** / ניו־יאָרק

# אין דער חרובער שטאָט פּאָמפּעי

גאַסן, פונקט ווי מענטשן, ווערן אַלט און אָפּגעלעבט. די פאַררויכערטע הייזער און די אָפּגעשינדענע דעכער זיינען די קנייטשן און פאַלדן, וואָס רייבן אָפּ דאָס פּנים פון דער שטאָט, אָבער דאָס פּנים פון פּאָמפּעי איז נישט אָפּגעריבן געוואָרן אין פאַרלויף פון צוויי טויזנט יאָר. ווי אַ מוזעאום מיט ברייט־צעעפנטע טויערן ליגט די דאָזיקע אויסגעגראָבענע שטאָט און וואַרט, אַז באַזוכער פון אַלע עקן וועלט זאָלן קומען זי אָנקוקן און שטוינען; די איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ מבול פון פייער, אָבער אונטערן אַש איז זי געבליבן אָפּגעהיט דורך צוויי טויזנט יאָר.

צו פּאָמפּעי קומט מען דורך סאָרענטאָ פון נעאַפּאָל, די שיינע צווישן־שטאָט, וואָס שפּיגלט זיך אין ים, און איז איינגעטונקט אין ווייַנסעדער און אַרומגערינגלט מיט פּלאַנצן און טורעם־שלעסער. אָבער איידער מען גייט אַריין אין פּאָמפּעי איז אָנגענומען פריער אַרויפצוגיין אויף דעם באַרג וועזוּוויוס, וואָס האָט אַראָפּגעגאָסן די פייערדיקע לאַווע און פאַרשאָטן די רוימישע שטאָט, אין נעאַפּאָל איז געשטאַנען אַ זוניקער טאָג אין פרי־זומער, ווען איך און מיין באַגלייטער זיינען אָנגעקומען מיט אַ גרופּע פון סאָרענטאָ. עס האָבן געבליט די אָלעאַנדער־ביימער און עס האָבן געשמעקט די ריחות פון די אָליוון־גאָרטנס און ווייַנשטאָקן. און קעגנאיבער דעם פאָרט, אַריבער אַ שטיק ים, האָט זיך אַרויסגעהויבן דער מוראדיקער באַרג.

---

יאַן, דער שבת־גוי
שלוקעט וויין פון אַ קידוש־סלוי
און שלאָגט זיך על חטא,
„—ווער וועט פרייטיק אַ פענעץ חלה דערלאַנגען?״ —
עס ציַשען אַלע בייזע שלאַנגען.

די באָבע פליט זוכט, און פאַדעוועט מיך
צו דעם בית־הקברות—

שטיי איך איינגעטאָלפּנט ווי לוטט ווייב
און הער דאָס קלאָגן
פון די צעקרישלטע מצבות:
וואָליע פון דער חברה־קדישה
שווייגט—
ער האָט ניט וואָס צו זאָגן;
שוין פון לאַנג פאַרגעסן די „אמאלע״,
די באָבע איז געפלויגן געזוכט און ניט געפונען:
נעמט זי מיך צו איר מזומן—
זי נידערט אַראָפּ און טוט מיר אָן
איר אבלדיק קלייד.
רייס איך קריעה!

*)אין דעם ליד, וואָס איז געווען געדרוקט אינעם פאַריקן נומ. „חשבון״, זענען אַריין אייניקע פאַרדריסלעכע גרייזן. דרוקן מיר דאָס ליד נאָך אַ מאָל און בעטן איבער דעם מחבר און די לייענער.

אין דער גרופּע באַזוכער האָבן זיך געפונען פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פעלקער: האָלענדער, פראַנצויזן, שפּאַניער, ענגלענדער, דייטשן און צווישן זיי — אַ יידישער פּליט פון אונגאַרן, וועלכער איז אין ברען פון אויפשטאַנד קעגן רוסלאַנד, אַנטלאָפן פון בודאַפּעסט, מיטגעכאַפּט זיין שוואַנגערע פרוי און אויפן וועג קיין בראַזיל האָט ער דערווייל זיך געהאַט איינגעאָרדנט מיט פרנסה אין רוים: דער ייד איז שטרענג רעליגיעז, אָבער זיינע פּירונגען אויסער דער היים — זאָגט ער — זיינען וועלטלעכע און ער האָט שטענדיק געהאַט אַ באַגער אַרומצופאָרן אין פרעמדע לענדער. איצט איז אים די געלעגנהייט געגעבן געוואָרן. דער וועג פון פּיין איז שוין הינטער אים. ער וווינט אין איטאַליע און ביז די וויזע קיין בראַזיל וועט אָנקומען, וויל ער דערווייל אָנקוקן אַ שטיק פרייע וועלט. ער האָט זיך אָנגעזען אַזוי פיל חורבנות אין אונדזערע טעג, וויל ער אויך זען אַ חרובע שטאָט פון אַמאָל.

די באַזוכער זיינען אַרומגעפירט געוואָרן פון איין וועגווייזער אין נעאַפּאָל און פון אַ צווייטן צום וועזוּוויוס. דער, וועלכער איז גרייט צו ווייזן דעם באַרג פון פייער, איז אַן עלטערער איטאַליענער מיט ווייסע געקרייזלטע האָר. ער מוז אוודאי זיין נאָענט צו אַכציק, אָבער טריט שטעלט ער אַזוינע פלינקע, אַז מען קען אים קוים אָניאָגן. איין אויג איז ביי אים שיקלדיק, אָבער דאָס צווייטע קען זען אויף מיילן. ער פירט זיינע טוריסטן צוערשט צופוס, דערנאָך אין אַ לאַנגן אויטאָמאָביל און שפּעטער אין אַ קליין־באַן, וואָס קען קלעטערן צו די העכסטע באַרג־שפּיצן, און איבערן גאַנצן וועג האַלט ער אין איין וואָרענען די וועלכע ער דאַרף גאַר אויפהייטערן. ער גייט טאַקע ווייזן דעם מעכטיקן באַרג וועזוּוויוס, אָבער זאָל מען נישט מיינען, אַז דאָס איז אַ שפּילכל. דער ווולקאַן לאָזט נישט פריער וויסן, ווען ער וועט שפּייען מיט פייער.

דער עלטערער איטאַליענער איז גוטמוטיק, אָבער נאָך מער איז ער פּאַרזיכטיק. זיין פילאָסאָפיע גייט אומגעפער אַזוי: שטעל זיך קיינמאָל נישט אויף ווען דו קענסט בלייבן זיצן. זעץ זיך קיינמאָל נישט ווען דו קענסט ליגן. מאַך קיינמאָל נישט קיין גאַנג ווען דו קענסט טעלעפאָנירן. רייד קיינמאָל נישט ווען דו קענסט הערן. הער נישט ווען דו קענסט עס אויסמיידן.

איך האָב זיך דערמאָנט עמיצנס אַ זאָג: לעגענדעס שטאַרבן נישט, מען מוז זיי דערהרגענען". און שטייענדיק ביי דעם אָפענעם מויל פון דעם וועזוּוויוס ווערט דער באַזוכער איבערציי‍גט, אַז די לעגענדעס, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן נאָכדעם ווי דער מוראדיקער ווולקאַן האָט אויסגעשפּיגן דאָס פּעך און שוועבל אויף פּאָמפּעי — די לעגענדעס וועלן קיינמאָל ניט שטאַרבן. דאָס "מויל" איז אַן אויסהויל אין אַ מעכטיקן גליענדיקן באַרג און דער אויסהויל ציט זיך אַראָפּ ביז די טיפסטע טיפענישן, און דאָרט אין די טיפענישן באַהאַלטן זיך אַלע שדים און לצים און משחיתים, וואָס לויערן און וואַרטן אויף דעם טאָג חרוב צו מאַכן די וועלט.

דאָס מויל אין וועזוּוויוס איז דורכגעאַקערט מיט פעלזן און עס ציען זיך דורך די זייטיקע שפּאַלטן הייסע קנוילן רויך, און אָט רוקט זיך צו דער וועגווייזער צו דער גרופּע באַזוכער און טריסט זיי, אַז באַלד קען דער רויך פאַרשווינדן און עס וועט ווידער אָנהויבן שפּייען מיט פייער און פון דעם פייער וועט ווערן אַ לאַווע, די זעלבע לאַווע וואָס האָט פאַרגאָסן פּאָמפּעי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, און ווער קען וויסן פאַרוואָס ווי ווייט דאָס פּעך און שוועבל וועט היינט זיך גיסן און וויפל שטעט עס וועלן פאַרטיליקט ווערן?

דער וועגווייזער האָט אפשר געמאַכט אַ ביטערן שפּאַס און דערשראָקענע מענטשן וואָלטן דאָס געמעגט אָננעמען פאַר אַ וואָרנונג. אָבער די טוריסטן זיינען פריי פון אַלע

שרעקן. זיי שטעלן אָן די פּאַטאָגראַפּישע אַפּאַראַטן גלייך אויפן אָפענעם פּיסק, וואָס פירט צו דער שאול תחתיה. עס שרעקט זיי נישט דאָס פייער פון גהינום. אַלץ, אין וואָס זיי זיינען פאַראינטערעסירט, איז אַראָפּצוגיין צופוסנס דעם באַרג און אָנקוקן די שטאָט, וואָס איז פאַרשווענקט געוואָרן פון דער פייערדיקער לאַווע.

די באַזוכער ווערן געפירט דורך אומוועגן, אַז זיי זאָלן אויסמיידן די נייע שטאָט פּאָמפּעי און בלויז אָנקוקן די אַלטע, פאַרברענטע פּאָמפּעי, וואָס איז פול מיט חורבות, איינגעפאַלענע זיילן, אונטערגעהאַקטע קאָלאָנאַדעס. מען גייט פאַרביי צעבראָכענע דענקמעלער און געשפּאָלטענע מזבחות. צווישן די גרעסטע פאַרדינסטן פון די אַרכעאָלאָגן דאַרף פאַררעכנט ווערן דאָס אויסגראָבן די דאָזיקע אַלטרוימישע שטאָט. אונטער דער אָפּגעקילטער לאַווע איז פּרעזערווירט געוואָרן אַ לעבנס־שטייגער, אַ ציוויליזאַציע פון מענטשן מיט צוואַנציק הונדערט יאָר פריער און איר טרעט היינט איבער זייערע גאַסן, הויפן, שפּיל־פּלעצער. איר שפּאַצירט אַרום די טעמפּלען און באָד־הייזער און די שטאָט איז אויסגעלייגט פאַר אייך ווי אַן אָפן בוך.

שוין אַ סך הונדעטער יאָרן ווי מען האַלט אין אויסגראָבן פּאָמפּעי, אָבער זי איז נאָך נישט אינגאַנצן אַרויסגעשלעפּט פון דעם אינגעווייד פון דער ערד. דער אָפענער מאַרק און די פאַרוויסטע אַלייען און די שמאָלע גאַסן גיבן אייך אַ פול בילד פון דער אַמאָליקער רוימישער שטאָט, וואָס איז געווען דאָס ווין־אָרט פון רייכע פּאַטריציער, הולטאַיעס און אויסגעלאַסענע לעב־יונגען. די שטאָט איז אָפן, אָן געשלאָסענע טויערן. זי איז אָבער פאַרגליווערט ווי אַ ליימענער גולם. אָט איז אַ באָד־הויז און אַ פּאָר שריט ווייטער אַ צעשמעטערטער פאָנטאַן און נאָך ווייטער ליגן צעהאַקטע מאַרמאָר־טרעפּ, וואָס האָבן געדינט ווי דער אַריינגאַנג צו אַ געצנדינערישן טעמפּל. אַן אַלטע ציוויליזאַציע ליגט אונטער אַ פאַרגליווערטער לאַווע.

צווישן דער גרופּע באַזוכער איז מיטגעגאַנגען אַ יונגער גלח פון האָלאַנד. זיין קנאָכיק פּנים האָט דאָס אַסקעטישע אויסזען פון אַ מאָנאַך, וואָס פּייניקט זיך פאַר די זינד פון דער גאַנצער וועלט. דער גלח איז געגאַנגען גאָר באַוועגלעך איבער די אויסגעגראָבענע גאַסן. ער האָט מיטגעהאַלטן שפּאַן מיט אַלעמען, אָבער ווען די גרופּע איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַן אָפּגעבראָכענער סטאַטוע פון אַ רוימישן געץ, איז ער דאָרט געבליבן שטיין לענגער. די טוריסטן האָבן זיך דערווייטערט און ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זיין אומעטיק פּנים איז געוואָרן נאָך טרויעריקער. ער האָט לאַנג באַטראַכט דעם געשפּאָלטענעם מירמל־שטיין, דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל ווי ער וואָלט געפרעגט: צו וואָס הייסט מען מיך קוקן אויף דער דאָזיקער שטאָט פון זינד?

פאַראַן אין פּאָמפּעי אַ חורבה פון אַן אַפּאָלאָ־טעמפּל, און עס איז דאָ דער איבערבלייב פון אַ צירק, וווּ רוימישע גלאַדיאַטאָרן האָבן צעריסן לייבן אָדער זיי זיינען אַליין פאַרצוקט געוואָרן אין די מיילער פון די חיות. עס הענגען נאָך די אַלטע קאַנאָפּיעס איבער די שיינע גערטנער פאַר די הייזער פון רוימישע אַריסטאָקראַטן. דער וועגווייזער וויל זיינע נייגעריקע באַזוכער פאָרשטעלן דאָס פולע בילד פון דער אונטערגעגאַנגענער שטאָט און ער באַוואָרנט זיך, אַז אין פּאָמפּעי זיינען פאַראַן אויך אַזוינע אומאָנשטענדיקע זאַכן, אויף וואָס פרויען טאָרן ניט קוקן. דעריבער וועט ער אין אַזוינע פּלעצער אַריינפירן בלויז די מענער און די פרויען וועלן בלייבן אינדרויסן.

אויב טייל פרויען זיינען אַנטוישט, האָט דער העפלעכער וועגווייזער פאַר זיי אַ טרייסט. ער וועט זיי שפּעטער פירן זען זאַכן, וואָס זיינען פאַרבאָטן פאַר מענער. דאָס איז בלויז אַ מיטל צו באַרויִקן די נייגעריקע חוהס טעכטער, אין דער אמתן ווערן די פרויען

אָפּגענאַרט. עס וואַרטן אויף זיי נישט קיין באַזונדערע אַטראַקציעס. די פּריווילעגירטע מאַנסבילן ווערן אַריינגעפירט אין הייזער, ווו עס הענגען נאָך היינט פּאָרנאָגראַפישע בילדער און סקולפּטורן מיט וואָס די רוימישע הולטאַיעס האָבן אַמוזירט זייערע געסט, אָבער פרויען ווערן נישט צוגעלאָזט צו אַזוינע פּלעצער, וואָס זיינען אין קאָנפליקט מיט דער מאָראַל.

די זינדיקע רוימער זיינען געשטאָרבן, אָבער זייערע הייזער זיינען געבליבן. יעדנפאַלס די ווענט, די טרעפּ, די זיילן זיינען אין די מערסטע הייזער געבליבן. עס איז געבליבן אַ טייל פון אַ שטאָטישער באָד, וואָס האָט אין יענער צייט געמוזט זיין אַ מוסטער פון אַרכיטעקטור. דערויף זאָגן עדות די ציגל, די קאָלאָנאַדעס, די אָרנאַמענטן אויף די מויערן. עס זיינען געבליבן די צימערן פון אַ שאַנד־הויז און דער אויוון פון אַ בעקעריי און דער אויפנעם־זאַל פון אַ פּאַרצייטיקן שיינהייטס־סאַלאָן.

דאָס, וואָס האָט זיך געוואַלגערט דורך צוויי טויזנט יאָר אינדרויסן, איז ענדלעך צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין אַ מוזעאום, וואָס איז אָנגעפילט מיט חפצים, סטאַטועס, בילדער און שטוב־כלים. עס שטייען אויף פּאָליצעס און אין פאַרגלאָזטע שאַפעס פיגורן פון קנעכט, רייטפערד, לייבן. מען זעט די קליידער, דאָס צירונג און די זאַלבן. אין מוזעאום זיינען אויך נישט פאַרזען געוואָרן די פאַרצייטיקע רוימישע פרויען. לויט די בראַסלעטן, אויערינגען, אָרעמבענדער און לויט דער גאַנצער קאָסמעטיק האָבן זיי געמוזט זיין קאָקעטישע פרויען. דער זעלבער דראַנג צו פּוץ און שיינקייט ווי ביי די היינטיקע פרויען. אַ בליק אויף די וואַזעלעך מיט זאַלבן און געווירצן, און איר קומט צום אויספיר, אַז דער "מעיק־אַפּ", דאָס פלעגן דאָס ווייבלעכע געזיכט אין פּאָמפּעי איז געווען לויט דער היינטיקער טעכניק. עס זאָל פעלן אַ האָר! עס איז אַפילו געקומען צו אַ דעבאַטע צווישן די טוריסטן וועגן דעם צי די פרויען פון פּאָמפּעי האָבן אויך געצופּט זייערע ברעמען און אונטערגעשמירט די וויעס.

נישט ווייט פון דער שאַנק מיט פרויען־קאָסמעטיק זעט איר אונטער גלאָז אַ פאַרשטיינערטן מענטש. דער ערשטער איינדרוק איז, אַז דאָס איז אַ סקולפּטור, אויסגעשניצט פון אַ מייסטערס האַנט. באַלד ווייזט זיך אַרויס דער טעות. עס איז אַ מענטש, אַ בירגער פון פּאָמפּעי וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן פון דער לאַווע פון וועזוויוס. זיין קערפּער איז איינגעקנוילט און אויף זיין פּנים זעט מען די אַגאָניע און די יסורים אין די לעצטע מינוטן, ווען ער איז באַדעקט געוואָרן מיט דער שפּייענדיקער לאַווע. אין אַ צווייטער גלעזערנער שאַפע ליגט אויך אויסגעצויגן אַ פאַרשטיינערטער הונט, איינגעקאָרטשעט אין דער רגע פון אומקום. אַ נישט דערלאָפענער קנעכט מיט קייטן אויף די הענט איז שטיין געבליבן אינמיטן וועג, ווען די לאַווע האָט אים דעריאָגט; איבער זיי אַלעמען הענגט דער גליווער פון צוויי טויזנט יאָר.

פון הינטער אַ וואַנט וואַקסט אויס דער ייד פון אונגאַרן. ער שטרעקט אויס אַ האַנט צו דעם פאַרשטיינערטן מענטש און הונט און זאָגט צו מיר:

— איר זעט די געליימטע פיגורן? אָט די אָרעמע באַשעפענישן זיינען אומגעקומען פאַר די זינד פון זייערע הערשער, די רשעים! יעדער רוימישער מאַכטהאָבער איז געווען אַ טיטוס און זעט ווי צאָרנדיק עס איז געווען די שטראָף אויף די, וואָס האָבן געוואָלט אומברענגען דאָס פאָלק ישראל.

דער ייד האָט זיך נעענטער צוגעבויגן און מיר איינגערוימט:

— ס'איז פונקט ווי ביי פּרעה... יענער רשע איז דערטרונקען געוואָרן מיט זיינע רייטוואָגנס אין וואַסער, אָבער די רוימישע רשעים זיינען פאַרברענט געוואָרן אין דעם מבול פון פייער.

ישראל גובקין

# די אָזיערע

(פון ציקל „צוואַנגס־אַרבעט, 1916־1917")*

אין אַ דערפל, ביי אַן אָזיערע,
ערגעץ אין וואָלין,
שטייט צונויפגעקלאַפּט אַ שטיבל,
וווינט זיך דאָרט אַ ייד.

כאַפּט דער ייד אָפּט פיש און ראַקעס
כאַפּט, און כאַפּט, און כאַפּט.
טיילט זיין פאַנג ער מיט די דייטשן,
האַלב אויף האַלב מיט זיי.

כאַפּן כלאָפּעס פיש מיט ראַקעס,
כאַפּט ער מער פון זיי.
עפּעס כּישוף טוט דער ייד אָפּ,
שיפּען זיי אויף אים.

וואָס מיר כּישוף? ווער מיר כּישוף?
לאַכט דער ייד זיי אויס.
יידן זיינען, זאָגט דער תּנא,
געגליכן צו די פיש.

זיינען פיש דאָך פונקט ווי יידן
יידן ווי די פיש;
האָבן פיש ווי יידן מורא
פאַרן ערל, גוי.

מיידן אויס די פיש, די קלוגע,
גויים פּראָסט און שלעכט;
און זיי קומען גלייך צושווימען
אין מיין נעץ אַריין...

ס'איז אַ ווייטיק וואָס איך מוז זיך
טיילן מיטן דייטש:
דייטשן זיינען אויך ערלים,
כאָטש ניט פּראָסט ווי זיי.

האָט דער ייד אַ גוטן נאָמען
ביי דעם קאָמענדאַנט,
און די דייטשן די כּפּרה
נעמען איין פאַר אים.

ברענגט מען מעל צו אים מיט צוקער,
ביסלעך שנאַפּס און ראָם;
און דעם יידנס אשת־חיל
קאָכט און באַקט פאַר זיי.

ס'האָט דער ייד דריי טעכטער בריהס,
העלפן זיי אַרויס.
ס'האָט דער ייד דריי מלכּהס שיינע,
ווי די סאָסנעס שלאַנק.
שׂרה־ריווע הייסט די עלצטע,
רויזע די אין מיט;
און די ייַנגסטע שיינע־רחל
שענער איז פון זיי.

גייט די זון באַזאַכט אַרונטער,
ווערט דאָס וואַסער זייד.
גליטשן שטיל זיך אויפן וואַסער
שיפלעך קליינע דריי.

אין דעם ערשטן שׂרה־ריווע
מיט פעלדפעבל קאָך,
אין דעם צווייטן רויזע־ליבע
מיטן לויטענאַנט.

אין דעם דריטן שיינע־רחל
מיטן קאָמענדאַנט.
אָט דער גרויער אַלפּן־בייער
רופט זי „ליבעס קינד".

---

ווען מיר זיינען אַרויס פון פּאָמפּעי, האָבן פונעם באַרג אַנטקעגן געבלאָזן די ריחות פון דעם פאַרלאָשענעם ווולקאַן. איך האָב זיך געפרעגט: וואָס איז געווען פּאָמפּעי? אַ סדום? אַ נינוה? די זינדיקע שטאָט איז פאַרגאָסן געוואָרן פון דער לאַווע, אָבער דאָס פייער און שוועבל האָט נישט פאַרטיליקט די שטאָט, נאָר זי פאַרוואַנדלט אין אַ דענקמאָל לדורות.

רבקה קאָפּע /פּאַריז

## ווינטער

די פויסטן פון שטורעם
רייסן די שאַרנירן פון פענצטער,
פּיקן אין די שויבן
אין אַ מאַקאַברישן אָרקעסטער!

נאַקעטע צווייגן וואַרפן זיך
אומגליקלעכע אין צווייטנס אָרעם.
דער הימל איז אַ לאַפּן מיט טינט...
אַ ווילד געלעכטער טראָגט זיך פון שטורעם
און פאַרשמירט דעם ווייטסטן הימל־מהלך.

די רעשטלעך פון טויטע ווינטער־בלעטער
ווערן פייגעלעך מיט צענומענע פליגעלעך —
ניט קיין צעשראָקענע פייגעלעך,
וואָס דער שטורעם־יעגער וויל זיי פאַנגען,
נאָר דער מחבל־שטורעם
וועט זיי ניט דערלאַנגען.

פייגל אין פלי זענען צום חוזק פון שטורעם;
שניידן די לופט אַרויף און אַראָפּ
מיט די שוואַכסטע פליגעלעך אויפן העכסטן טורעם.

1990

---

און דערציילט איר פון זיין זינדל
אויפן מערב־פראָנט.
וויל פון איר אַ צוזאָג הייליק,
זיין וועט זי זיין שנור.

פּאָרן, גליטשן זיך די שיפלעך
אויפן סאַמעט־פלאַך:
און דער טאַטע זיצט די נעצן,
קוקט נאָך מיט אַ זיפץ.

ציען פעדעם זיינע פינגער
און אַ תּפילה — ס׳הארץ:
גאָט באַהיט די קינדער מיינע
היט, באַשירעם זיי!

זיצן שטום מיר ביי די שוועלן,
קוקן ווי פאַרשטיינט.
הוידען זיך דריי שיפלעך קליינע
אויפן סאַמעט־פלאַך.

מיט די מיידלעך יעקעס פּרעכע,
און מיר זיצן דאָ.
יונגע הערצער פול מיט גלוסטן
נאָגן אין דער שטיל.

ס׳איז די זון שוין לאַנג פאַרגאַנגען,
הייבט זיך אַ טומאַן.
קלינגען לידער פונעם וואַסער
און אַ פרעכער לאַך.

בלאָזט די טרובע, טרייבט צום שלאָפן,
גייען מיר אין שטוב.
ציט מען אויס זיך אויף טאַפּטשאַנעס
און מע חלומט באַלד

פון דריי שיינע ציונס טעכטער
אין די הענט פון פיינט;
כאַפּט מען האַמערס, העק און ווילקעס,
צו באַפרייען זיי...

*זען באמערקונגען צו ״צוואַנגס־ארבעט 1916־1917״ ״חשבון״ 115

חנן קיעל/ ניו־יאָרק

# די ליטעראַרישע און הומאַנע ירושה פון יחיאל הירשהויט

איך גלויב, אַז מיר דאַרפן נישט וואַרטן אויף אַ רונדיקער דאַטע צו דערמאָנען די ירושה פון אַ פּאַרדינסטפולן שרייבער וואָס איז יאָרנלאַנג געווען רעדאַקטאָר פון דער "צוקונפט" און פּרעזידענט פון יידישן פּען־קלוב. מיר מיינען דאָ דעם אומפּאַרגעסלעכן יחיאל הירשהויט ע"ה. ס'איז אויך אַ גוטע געלעגנהייט צו פאַרצייכענען אַז אין יאָר 1992 וועט די יידישע ליטעראַטור פּייערן דעם הונדערטסטן געבוירן־יאָר פונעם "צוקונפט"־זשורנאַל. מיר געדענקען, אַז אין אָנהויב פון דער לעצטער דעקאַדע האָט דער חודש־זשורנאַל זיך געראַנגלט פאַר יעדן נומער, אָבער אַ דאַנק דאָס איינשטעלן זיך פון דער רעדאַקציע וועלן מיר בעזרת השם דעם הונדערטסטן יום־טובן יובל פון דעם עלטסטן ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן יידישן זשורנאַל־"די צוקונפט".

הגם איך בין מיט יחיאל הירשהויט באַקאַנט געווען בלויז די לעצטע עטלעכע יאָר פון זיין לעבן, האָט ער זיך איינגעקריצט אין זכרון מיט זיין חברישער באַציאונג און ווי אַ פּערזענלעכקייט וואָס האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן צוטרוי און דרך־ארץ. אָבער דער עיקר האָט ער באַאיינדרוקט מיט זיינע קלוגע אַנאַליטישע עסייען און אינפאָרמאַטיווע כראָנישע עפּיזאָדן פון דער נאָענטער טראַגישער פאַרגאַנגענהייט, פאַקטן וואָס זיינען ווייניק באַקאַנט געווען. ער איז געווען אַ בעלעטריסט, אָבער זיינע דערציילונגען זיינען נישט געווען קיין פיקטיווע און זיינע העלדן — נישט אויסגעטראַכטע. דאָס לעבן און איבערלעבונגען פון די געראַטעוועטע פּליטים איז געווען ווי אומגלויבלעכע פיקציע.

הירשהויט איז געווען אַ היסטאָריקער און ליטעראַטור־קענער, אַ בעל — מסביר אין אָפּשאַצן אַ קינסטלעריש ווערק און אַ פאַרליבטער אין פּאָעזיע. ער האָט ווי אַ טאַלאַנטפולער פּובליציסט אַנאַליזירט און אויף אַן איבערצייגנדיקן אופן דערקלערט די וויטאַלע פּראָבלעמען פון יידיש לעבן און קיום, יידישע קולטור און ליטעראַטור. ער האָט פאַרשטאַנען די נשמה־קאָנפליקטן פון די געראַטעוועטע און איבערגעלעבט דעם גרויל פון כסדרדיקן ראַנגלען זיך מיט שנאת ישראל און אַסימילאַציע. אין זיינע

## צייט

איך שלאָג זיך מיט דער צייט.
איך פאַרשפּיל —
און שלאָג זיך ווידער.
נאָר אַ שאָד,
וואָס כ'פאַרצייכן ניט
אַלץ, וואָס בלעטערט זיך
אַדורך אין קאָפּ.

יעדער מאָטיוו
איז אַלמענטשלעך,
אַלוועלטלעך;

יעדער קאָן זיך אָפּגעפינען
ווי אין אַ שפּיגל —
באַשירעם גאָט
דער שפּיגל זאָל זיך ניט צעברעכן!

נאַראַטיוו איז אָפּט
מיין געמיט.

ווען סע זינגט זיך
גראַמט זיך.

שווער איז שלאָגן זיך
מיט דער צייט!

דערציילונגען און היסטאָרישע אָדער געזעלשאַפּטלעכע אַרבעטן האָבן זיך דורכגעוועבט ביאָגראַפישע מאָמענטן, טיף־מענטשלעכע איבערלעבונגען און חורבן־נאָכווייענישן. מיר האָבן זיך באַקענט דורך זיינע אומצאָליקע עסייען מיט זיין פילאָזאָפישן באַנעם ווי אַ ייד און יחיד, זיין זאָרג און ליבשאַפט צו יידן און הומאַנע באַציאונג פון אַ הלל צו משפטן דעם מענטש לכף זכות. אין אַנאַליז און אויספירן פון האַרבע קאָנטראָווערסיאַלע דילעמעס איז הירשהויט תמיד באַלאַנסירט, עלאַסטיש און מיידט אויס איינזייטיקייט. ער גלויבט, אַז אַ יידישער היסטאָריקער איז אַ מענטש מיט עמאָציעס און ווי קען ער זיין גלייכגילטיק ווען דער ענין איז אים אַליין נוגע. ער שרייבט: "אויב ס׳קלאַפט נישט ביים היסטאָריקער אַן אָדער פון אהבת ישראל זאָל ער זיך בעסער נישט נעמען צו שרייבן געשיכטע. פאַרשטייט זיך אַז דער צוגאַנג דאַרף זיין אַ וויסנשאַפטלעכער. הירשהויט איז אָבער צו זיך אַליין געווען שטרענג, זיך נישט געלאָזט באַהערשן פון אָנגעווייטיקטע עמאָציעס און אָנגעהאַלטן מיט וואָרהאַפטער פינקטלעכקייט די פּאָזיציע פון אַן ערנצטן היסטאָריאָגראַף.

ווי אַ הומאַניסטישער שרייבער, ליטעראַטור־קריטיקער האָט זיך אים אָפּט איינגעגעבן אַריינצודרינגען אין די לאַבירינטן פון דעם דיכטערס וועלט, פאַרשידנאַרטיק אין קאַלירפול זיינען די טעמעס פון הירשהויטס ליטעראַרישער ירושה. 1. "יידישע נאַפט־מאַגנאַטן" 2.דער ניגון פון נעכטן; 3. די פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק", וועגן די יידישע מאַרטירער אין יענער געטאָ־תפיסה. דאָס ווערק איז אויך אַרויס אין ענגלישער איבערזעצונג; "אין גאַנג פון דער געשיכטע": די דערציילונג־"דער ריטערמייסטער" וואָס איז געווען געדרוקט אין המשכים אין "פאָרווערטס". די עשירות ליגט אָבער צעוואָרפן אין פאַרשידענע זשורנאַלן, באַזונדערס אין די "צוקונפט", במשך פון אַסך יאָרן. דאָס זיינען א גרויסע צאָל עסייען וועגן חורבן, ליטעראַטור־פאָרשונג, אָפּשאַצונגען פון שרייבער און זייערע ווערק, פּאָלעמישע אַרטיקלען, צייט־פראַגן און אַנדערע טעמעס.

ווי דער רעדאַקטאָר פון "צוקונפט" האָט ער ממשיך געווען די רייכע ליטעראַרישע און קולטור־טראַדיציע, וואָס האָט זיך געצויגן עטלעכע דורות. ער האָט אָפּגעהיט דעם הויכן ניוואָ און כאַראַקטער פונעם זשורנאַל, אָנהאַלטנדיק אַן אינטימען קאָנטאַקט מיט דער שרייבער־משפחה פון דער יידישער וועלט. אין דער "צוקונפט" האָבן זיך געדרוקט די וויכטיקסטע פּראָזאַיקער, דיכטער און דענקער, און אין יעדן דור האָט זי אָפּגעשפּיגלט אונדזער מצב, קולטור־פּראָבלעמען און אַספּיראַציעס: גרעניגעל פאַר לעבן און קיום דורך די יאָרן פון רעוואָלוציעס, קאַטאַסטראָפעס, מלחמות און חורבן. געקומען איז דאָס צום אויסדרוק אין די קינסטלערישע שאַפונגען פון פּאָעטן, עסייאיסטן און נאָוועליסטן.

יחיאל הירשהויט האָט ווי אַ טאַלאַנטפולער שרייבער און רעדאַקטער געלייגט זיין פּערזענלעכן חותם אויפן אינהאַלט און קינסטלערישן ניוואָ פון זשורנאַל. ער האָט צוגעצויגן נייע שרייבער און זיי דערמוטיקט. ער האָט ממשיך געווען די דיסקוסיעס וועגן אַקטועלע לעבנס־פּראָבלעמען און געפירט פּאָלעמיקס מיט שרייבער און לייענער וועגן ייִדיש־געזעלשאַפטלעכע אָריענטירונגען. למשל, די באַציאונג פון יידן צו לעך וואַלענסא און "סאָלידאַרנאָשטש", אָדער, אין יענער צייט, וועגן האַנאַ אַרענדט אין איר סגאַל־באַנעם וועגן חורבן; אויך וועגן טראַדיציע און מאָדערניזם אָדער די ראָל און אחריות פון קינסטלער. אין זיינע עדיטאָריאַלס האָט ער רעאַגירט אויף אַלערליי געשעענישן און דילעמעס אין יידישן לעבן אין די תפוצות און אין ישראל, מיט זאָרג פאַר דער מדינהס זיכערקייט. ער רעאַגירט אויפן נעאָ־נאַציזם, אַנטיסעמיטיזם און טעראָר.

וועגן אַנטלויף פון יידישקייט זאָגט הירשהויט: ״נישט אַסימילאַציע, געמישטע חתונות אָדער אַפילו שמד וועט זיי, די אַנטלויפער ראַטעווען פון יידישער גורלדיקייט. בלויז אין אומקער צו יידישקייט, אין אייגענעם כח צו באַשיצן אונדזער פיזישע עקזיסטענץ און גייסטיקע דערגרייכונגען געפינט מען דעם ענטפער. גאַנץ באַזונדער האָבן הירשהויטן אינטערעסירט קולטור־געשיכטע און ליטעראַטור. אין די געביטן האָט ער זיך אַנטפּלעקט ווי אַ געניטער בעל ידען, אַ געפילפולער קינסטלער, פאָרשער און קריטיקער. ער האָט אָפּגעשאַצט פּראָזע־ווערק מיט אַן אייגענעם צוגאַנג און פאָרמולירונג, ערלעך און אויפריכטיק.

אין זיינע אָפּשאַצונגען פאָלעמיזירט ער מיט די קריטיקער פון באַשעוויס זינגערס ווערק און פאַרטיידיקט די רעכט פון שרייבער פריי אויסצודריקן זיך אינדיווידועל און קינסטלעריש. ער ווייזט אָן, אַז אין זינגערס דערציילונגען שפיגלט זיך אָפּ דער אייביקער געראַנגל צווישן קדושה און טומאה, צווישן יצר הרע און יצר טוב: רשעות ווערט פאַרדאַמט און גוטסקייט פּרעוואַלירט.

אינטערעסאַנט איז הירשהויטס אָפּשאַצונג פון דער קאָמפּליצירטער נאָוועלע ״די בלעכערנע פּויק״ פון גינטער גראַסס, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אין סוף פופציקער יאָרן. דער דאַנציגער דייטשער שרייבער, מיט־גרינדער פון דער גרופּע 47 פונעם נאָך־מלחמהדיקן דור, ברענגט אַריין אין בוך ביאָגראַפישע עלעמענטן, סימבאָלישע פּערסאָנאַזשן און געשעענישן. דער שרייבער שילדערט די פּערווערזע מאָראַלישע געפאַלנקייט פון דעם נאַצישן דור. ער דערציילט וועגן די רדיפות קעגן פּאָליאַקן אין דאַנציג און די יידישע טראַגעדיע. הירשהויט ווייזט אָן אויף קאַפקאַס. איינפלוסן און פּראָבירט דערקלערן דעם סימבאָלישן הויקער — אָסקאַר וואָס פּויקט הויך אויף זיין בלעכערנער פּויקט צו פאַרטומלען מענטשלעכע מוחות. די דייטשן האָבן זיך נישט געביטן נאָך דער מלחמה. לויט הירשהויטס הסברה גלויבט גינטער גראַסס אַז דער נאַצישער רשעותדיקער דור מוז פאַרשווינדן בכדי אויסצוקויפן די זינד.

אין די קריטישע אָפּשאַצונגען פון פּאָעטישע ווערק איז קענטיק הירשהויטס מבינות און פאַרליבטקייט אין דעם זשאַנער. ער באַניצט זיך מיט אַ רייכער לירישער שפּראַך און שאַרפן אַנאַליטישן חוש מיט לאָגישע פאָרמולירונגען און אויספירן וואָס איבערצייגן דעם לייענער. למשל, וועגן רחל קאָרן: ״דער דיכטערינס וואָגיקייט אַנטפּלעקט זיך אין אייגנאַרטיקן אויסדרוק און מענטשלעכע געפילן. אירע טיף־לירישע ניואַנסן לייכטן מיט אָפּשיין פון טייערע איידלשטיינער אין יעדער סטראָפע״. וועגן בינעם העלער: דער ריטמישער פּערז לייענט זיך מיט מוזיקאַלישער שפּילעוודיקייט. דער גראַם איז צוגעפּאַסט מיט פּראָפּאָרץ, פּשטות און ועל כולם — דער טיף מענטשלעכער געדאַנק וואָס רעדט אַרויס פון יעדן ליד״. וועגן יוסף רובינישטיינס, מאָדעלן, דערמאָנט אונדז הירשהויט ווי זיי האָבן געאָטעמט מיט דער לעבעדיקער וויזיע פון פאַר מלחמהדיקן וואַרשע פול מיט ליכטיקייט און גלאַנץ: צעשפּילטע און צעטאַנצטע וויזיעס. מיט באַזונדערער דערהויבנקייט ווערן אָפּגעשאַצט אהרן צייטלינס חורבן־לידער, און אין סוצקעווערס ״זעונג איבערן טייך״ זעט דער קריטיקער עלעמענטן פון פּיקאַסאָס ״גוערניקאַ״. דאָס זיינען בלויז קליינע מוסטערן פון זיינע ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען.

י. הירשהויט האָט נישט אַלע זיינע דערציילונגען באַוויזן אַרויסצוגעבן אין בוך־פאָרעם. מיר דערמאָנען דאָ דריי פון זיינע בעלעטריסטישע ביכער און איין זאַמלונג היסטאָרישע וואָגיקע אַרבעטן וואָס לוינט ברענגען צום לייענערם אויפמערק. דאָס בוך ״נאַפט־מאַגנאַטן״ איז אַרויס אין 1954 און געמאַכט אַ רושם אין דער ליטעראַרישער וועלט. דער שרייבער אַליין איז פון דער פּוילישער נאַפט־שטאָט — דראָהאָביטש און איז

געוווען באַקאַנט מיט יענע העלדן. ער שילדערט די מענטשלעכע אַמביציעס רייך צו ווערן. יענע אַנטדעקער פון נאַפּט־קוואַלן, ערלעכקייט און פאַרדאָרבנקייט אין די רייכע סוחרישע קרייזן, און גראַנגל פון די ציוניסטן קעגן די אַסימילאַטאָרן. אין דער קינסטלערישער דערציילונג מערקט זיך געשיכטלעכע פּינקטלעכקייט.

אינעם "ניגון פון נעכטן" — 1978, ווערן איבערגעגעבן דראַמאַטישע איבערלעבונגען פון די געראַטעוועטע פון נאַצי־לאַגערן און די נאָכוויינען. דער שרייבער, וואָס האָט אַליין אין זיך געכאָוועט די גרוילן און קאָשמאַרן, האָט געקענט אַריינדרינגען אין דער צעטרייסלטער מענטאַליטעט פון די פּלטים. אין דער דערציילונג "שכנים" וויל דער געוועזענער וואַרשעווער דאָזאָר, וואָס איז אַרויס פון באַהעלטעניש נאָך דער באַפרייאונג, זיך טיילן מיט זיין פרייד מיט די פּוילישע שכנים, אָבער די פּאָליאַקן האָבן אַרויסגעוויזן אומצופרידנקייט וואָס ס'לעבן נאָך יידן. הירשהויט דערציילט אויך וועגן די אַריבערגעקומענע אין אַמעריקע, וואָס לעבן מיטן טראַגישן עבר. פון גרויס היסטאָרישן באַדייט איז זיין דאָקומענטאַר ווערק "יידישע מאַרטירער פון פּאַוויאַק" (ענגליש). פריער איז דאָס בוך דערשינען אין יידיש (פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק". הירשהויט האָט זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט נאָכן אויפשטאַנד און צעשטערונג פון וואַרשעווער געטאָ. פּאָליאַקן האָבן אים פאַראַטן און ער איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין פּאַוויאַק־תפיסה. דאָרט זיינען אומגעקומען די אַרעסטירטע פון דער אַרישער זייט, אויך יענע וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין דער פּאַסטקע פון האָטעל פּאָלסקי. צווישן די דערמאָרדעטע איז געוווען ד"ר רינגעלבלום, און זיין משפחה. הירשהויט דערציילט ווי ער, באַנאַנד מיט אַ יידישן שוסטער אין פּאַוויאַק, האָבן געוואָלט ראַטעווען דעם היסטאָריקער: הירשהויט האָט זיך מיט רינגעלבלומען באַגעגנט אַ טאָג פאַר זיין אומקום. אָן פרוי און קינד האָט ער זיך נישט געוואָלט ראַטעווען. חנה הירשהויט דערציילט וועגן די סאַבאָטאַזש־אַקטן וואָס איר מאַן האָט דורכגעפירט אין פּאַוויאַק, ווי ער האָט געראַטעוועט צום טויט פאַרמשפּטע אַרעסטאַנטן און וועגן זיין אַנטלויפן פון תפיסה, וואָס איז געוווען אַן אַקט פון אמפאַרגלייכלעכן קוראַזש.

בלב ובנפש האָט הירשהויט זיך אָפּגעגעבן דער חורבן־ליטעראַטור און פאָרשונג וועגן יענער צייט. ער האָט זיך באַטייליקט אין די אַקטיוויטעטן פון דער שארית הפליטה, שטייענדיק כסדר אויף דער וואַך אָפּצוהיטן דעם הייליקן אָנדענק פון די קדושים און קעגנשטעלן זיך די פאַרשוועכער, פאַרגעסער, פעלשער און אָפּלייקענער פון חורבן. ער האָט פּאָלעמיזירט מיט זיינע קעגנער ווען ער האָט זיך איבערצייגט אין זייער טעותדיקן צוגאַנג צו די חורבן־פּראָבלעמען. 39 יאָר נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד שרייבט הירשהויט אַ צעוויטיקטער, אַז ס'דערמאָנט אונדז היינט די צייט פון ערב־חורבן. דער נעאָ־נאַציזם, די פּראָפּעסאָרן פון רעכטס און לינקס באַצייכענען דעם חורבן ווי אַ שווינדל און די וועלט איז פול מיט האַס און פאָראורטיילן קעגן יידן און ישראל.

ווען ס'איז געוויזן געוואָרן דער פילם "האָלאָקאָסט" זיינען פאָרגעקומען דיסקוסיעס וועגן דעם ווערט און איינפלוס אויף די מיליאָנען וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צום פילם. עלי וויזעל און אָקאָנער פון "טיימס" האָבן דעם פילם אַראָפּגעריסן פאַרן טריוויאַליזירן און פאַרפלאַכן די טראַגישע געשעענישן פון אויסראָטן אונדזער פאָלק. הירשהויט גיט אַן אָפּשאַצונג וועגן מחבר דזשעראַלד גרין און וועגן דערציערישן ווערט פון פילם; ער ווייזט אויך אָן אויף די חסרונות, אָבער ער האַלט, אַז מיר טאָרן ניט וואַרפן קיין שטיינער אין אייגענעם הויז נאָר זיך אָפּגעבן מיט באַלייכטן און העלפן דעם יינגען דור פאַרשטיין יענע גרויליקע יאָרן.

ווען פּרעזידענט קאַרטער האָט דעם פּראָיעקטירן מאָנומענט פון די 6 מיליאָן קדושים פאַרוואַנדלט אין אַ מאָנומענט פאַר אַלע קרבנות פון נאַציזם, האָט הירשהויט

אַרגומענטירט וועגן דעם: ״מיר זיינען אין צייט פון חורבן געווען פּאַראייניזאַמט. האָבן מיר אַ רעכט איצט צו שטיין אַליין ביים ראַנד פון די סימבאָלישע קברים פון אונדזערע קדושים״. וועגן פּראָפעסאָר ליטלס באַמערק, אַז אויב 6 מיליאָן יידן זיינען דערמאָרדערט געוואָרן פון כשרע קריסטן איז אַ סימן פון קריזיס אין קריסטנטום; זאָגט הירשהויט, אַז די חורבן־טעמע האָט ביז היינט נישט קיין בירגער־רעכט אין די קירכע־טעקסט־ביכער פאַר די שול־קינדער.

הירשהויט שרייבט וועגן זיינע דערפאַרונגען ווי אַן עדות אויפן פּראָצעס אין האַמבורג קעגן דעם נאַצי־רוצח האַהן און אַנדערע. די ריכטער האָבן זיך באַמיט צו צעטומלען די עדות מיט איראָנישע שטעכווערטלעך. די יידישע עדות זיינען אַוועק שאָקירט און דענערווירט. האַהן איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף אייביקער תפיסה, און וויפענבערג, דער הענקער פון פּאַוויאַק איז באַפרייט געוואָרן.

הירשהויט האָט געשריבן וועגן וואַלענבערג, וועגן חורבן־פאָרשער און היסטאָריקער ד״ר. פיליפּ פרידמאַן. מען קען זאָגן וועגן הירשהויטן בנוגע חורבן־טעמאַטיק, אַז נישט נאָר איז ער געווען אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע, ער איז אַליין געווען אַ לעבעדיק יזכור־בוך.

* * *

אין סימפּאָזיום וועגן נייעם דור יידישע שרייבער פּאָלעמיזירט הירשהויט וועגן טראַדיציע און ליטעראַטור. ער ווייזט אָן, אַז צוויי קולטור־עלעמענטן האָבן געווירקט ווי דער צעמענט וואָס האָט צוזאַמענגעהאַלטן אונדזער פאָלק און געשטאַרקט אונדזער ווידערשטאַנד קעגן אַסימילאַציע. דאָס איז געווען רעליגיע און שפּראַך. מיר טאָרן נישט זיין גלייכגילטיק צו אונדזערע טראַציעס, שבת און יום־טוב. לויט זשיטלאָווסקין קען מען אין דער מאָדערנער פּאָעזיע געפינען המשכדיקייט פון אַמאָליקע פּאָעטישע תפילות. אַזוי זעט מען אויך יידיש לשון ווי אַ באַריערע קעגן אַסימילאַציע. ס׳איז נישט אמת, אַז יידיש איז געווען די שפּראַך פון פּשוטן פאָלק און ווייבער, ווייל מיט יידיש האָבן לומדים געלערנט גמרא. אין די בתי מדרשים.

אין דער דיסקוסיע וועגן טראַדיציע און מאָדערניזם אין דער יידישער ליטעראַטור, מיטן אָנטייל פון אברהם שולמאַן און כאַסיע קופּערמאַן, האַלט הירשהויט אַז די יידישע ליטעראַטור האָט אַלע מאָל געהאַט אַן אויג און אויער פאַר נייקייטן, נייע פאָרמען: סימבאָליזם אינטראָספּעקטיוויזם, עקספּרעסיאָניזם און דערביי שטענדיק אָנגעהאַלטן דעם המשך פון דורותדיקן געראַנגל פאַר יידישן קיום און האָט אויך אַקצענטירט דעם יידיש־עטישן וועלט־באַנעם.

טראַדיציע און מאָדערנזם, לויט הירשהויטן, זיינען צוויי ציגל אין בנין, ביידע האָבן געבויט די יידישע ליטעראַטור. דאָך מוז ווערן רעספּעקטירט דער פרייער אויסדרוק פון שרייבער, וואָס דאַרף נישט זיין געבונדן צו קיין שום אידעאָלאָגישע פליכטן.

אין 1984, ווען יחיאל הירשהויט האָט שוין נישט געלעבט, איז דערשינען זיין בוך ״אין גאַנג פון דער געשיכטע״, גרעסערע מאָנאָגראַפיעס וועגן אונדזערע היסטאָריקער, דענקער, רעדאַקטאָרן און סיים־דעפּוטאַטן פון פאַר־מלחמהדיקן פוילן. די אַרבעטן האָבן זיך געדרוקט דורך יאָרן אין פאַרשידענע זשורנאַלן און פאַר לייענער וואָס געדענקען די נעמען פון ד״ר מאיר באַלאַבאַן, ד״ר שיפּער, ד״ר טהאָן, ד״ר יהושע העשל גאָטליב און אַנדערע פּערזענלעכקייט רופט דאָס בוך אַרויס בענקשאַפט און באַוווּנדערונג. ד״ר באַלאַבאַן האָט איבערגעלאָזט אַ רייכע היסטאָרישע ליטעראַטור וועגן פּוילישן יידנטום, וועגן יידן אין גאַליציע, קאָזאַקן־אויפשטאַנד, פראַנקיסטן־דיספּוטן, יידישע קהילות, פאַרגעסענע מאָנומענטן, און אַלערליי דאָקומענטאַרע ווערק.

ד"ר באַלאַבאַן איז געווען דירעקטאָר פון דער יידישער גימנאַזיע אין טשענסטאָכאָוו (1919־1920). שפּעטער אין תּחכמוני־וואַרשע, (ראַבינער־סעמינאַר). ער שרייבט אין "היינט", "מאָמענט", "ליטעראַרישע בלעטער" (וועגן אָפּאַטאָשו) און האַלט אויך רעפעראַטן אין ייוו"אָ. הלל זיידמאַן און קריסטינאַ נאָוואַקאָווסקאַ האָבן געשריבן וועגן באַלאַבאַן אין געטאָ, ווו ער איז געשטאָרבן. ס'זיינען וועגן אים געבליבן לעגענדעס און אַ גרעסערע פּאָעמע פון קעהאָס קליגער וועגן באַלאַבאַן ווי אַ גייסטיקער גבור.

אַ גרעסערע אַרבעט, מיט פּיעטעט, שרייבט י. הירשהויט וועגן ד"ר שיפּער, פּירער פון פּועלי ציון, און קעמפער פאַר יידיש, וואָס האָט פּאָלעמיזירט מיט דובנאָוון וועגן די ערשטע שפּורן פון יידיש לשון. פון זיינע וויכטיקע ווערק ווערט דערמאָנט: "גענעאַלאָגיע פון יידישן גייסט", "פּויליש־ליטווישע יידן" "פּאַלעסטינע פון 1531 ביז 1821", "דער הומאַניזם און די יידן־פּראַגע" און זיין קרוין־ווערק: "די געשיכטע פון יידישן טעאַטער". צוויי קאַדענסן איז ער געווען דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים. אין די געטאָ־יאָרן האָט ער מיטגעאַרבעט מיטן ווידערשטאַנד. ער איז געווען אונטערגעשריבן אויף אַ טעלעגראַמע קיין ישראל וועגן געטאָ־אויפשטאַנד און שטענדיק זיך געהאַלטן אָפּטימיסטיש. מען דערציילט, אַז אין מיידאַנעק איז ער אַ צעשלאָגענער אויסגעגאַנגען אויף דער פּריטשע.

י. הירשהויט דערמאָנט די קאָריפייען פון קולטור־ציוניזם, הגם ד"ר טהאָן איז געווען אַן אָנהענגער פון אחד העם, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער מחנה פון ד"ר הערצל. ער איז געווען ראַבינער אין קראָקעווער פּראָגרעסיוון טעמפּל. ער שאַפט אַ זעלבשוץ קעגן פּאָגראָמטשיקעס, און 1919 איז ער אַ סיים־דעפּוטאַט. ד"ר טהאָן גיט זיך אָפּ מיט נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק. ער איז געשטאָרבן אין 1936.

באַרימט איז אויך געווען ד"ר גאָטליב (געבוירן אין פּינסק, 1882,) פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה שרייבט ער אין ראָמאַן־צייטונג וועגן ניטשע, שאָפּענהאַוער א.א. און איז רעדאַקטאָר פון דער טאָג־צייטונג "דאָס יידישע פאָלק". ווי אַ טאַלאַנטירטער זשורנאַליסט ווערט ער רעדאַקטאָר פון "היינט". צוזאַמען מיט יצחק גרינבוים שאַפט ער אין פּוילישן סיים דעם פּאַראיינקטן בלאָק. אין דער מחלוקה צווישן עת לבנות און על המשמר פּאַרלירט ער שפּעטער זיין שטעלע אין "היינט", מחמת ער איז געווען פאַר עת־לבנות. די פּועלי ציון און גרינבוים האָבן מורא געהאַט פאַר נייע נאַלעווקעס אין ישראל. דער חלוציזם איז געווען גענייגט צו על המשמר, אין די חורבן־יאָרן איז ד"ר גאָטליב אומגעקומען אין אַ סאָוועטישער תפיסה — פון אַ האַרץ־אַטאַק.

דאָס בוך וועקט נאָסטאַלגיע און קען דינען ווי אַ האַנטבוך פאַר סטודענטן פון יידישער געשיכטע און ס'קען זיי העלפן מיט אָנווייזונגען אין זייער פאָרשאַרבעט. מ. צאַנין, וואָס גיט אַן אַריינפיר צו דעם בוך, זאָגט אַז הירשהויט האָט אַוועקגעשטעלט פיר אייביקייט־מצבות פאַר יידישע פערזענלעכקייטן וואָס האָבן גוט געדינט אונדזער פאָלק. ער זאָגט אויך אַז "די ליבשאַפט און פיינקייט וואָס ווערן אויסגעדריקט אין ווערטער אין זיינע נאָוועלן און מאָנאָגראַפיעס וואָלט מען געקענט פאַרוואַנדלען אין מוזיק געשאַפן פון שאָפּען אָדער מאָצאַרט".

* * *

מיר וועלן צום סוף איבערגעבן אַ צאָל ביאָגראַפישע נאָטיצן: יחיאל הירשהויט איז געבוירן געוואָרן אין דראָהאָביטש, גאַליציע, אין יאָר 1908. באַקומען מאַטורע און געענדיקט לעמבערגער אוניווערסיטעט — רעכט־וויסנשאַפטן און פּאָליטישע

חיים קעניגער / פּאַריז

## אין ווײַסן נעפּל

אין גרודעס ערד
ווי די זוימען
שלאָפט מײַן קינד;
אין בלינדן געדײַען
וויגט זיך מײַן הויט
ווי איך וויג מײַן קינד.
צעמאָל מיט מײַנע הענט
די וועלט צעמאָלטע...
דורך אַ פרויס הענט
ווערט אַרײַנגעפלאָכטן
אין ווײַסן נעפּל
פון וועלט־גוף;
דורך וועגט און פענצטער
דרינגט אַרײַן אין מײַן צימער
און הילט אײַן מוטער און קינד —
דאָס זענען די בערג,
דאָס זענען די טײַכן,
אַלץ וואָס ווערט באַשאַפן,
אַלץ וואָס ווערט געבוירן.
איך וויג — און זע
אין ציטער זיך פאַרלוירן
מיט מײַנע פינף חושים
אין ווײַסן נעפּל.

## אין שויס פון זיג

איך טוליע מיך אין שויס פון צײַט:
זי בליצט אין זײַן.
ווען די זון גייט אויף
צעטיילט זי די שײַן.
זי פאַרגייט און טרויערט
אין געווירבל פון אונטערגאַנג.

עקאָנאָמיע: אויך געענדיקט דעם העברעישן אינסטיטוט. ער איז געווען אַ פירנדיקער ציוניסטישער טוער און פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין דער יידישער און פוילישער פרעסע. מאַכט דורך די נאַצי־אָקופּאַציע אין לײדן און אין פּײַן, זײַן משפחה, ערשטע פרוי און קינד, זײַנען אומגעקומען, ער האָט איבערגעלעבט דעם געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע און פאַרבירט זיך ראַטעווען אויף דער "אַרישער" זײַט, געווען אין פּאַוויאַק און פון דאָרט אַנטרינען. חנה הירשהויט האָט אויף אַ ליריש־אינטימען אופן געשריבן וועגן איר מאַן, זײַנע געזעלשאַפטלעכע און שרײַבערישע טעטיקייטן פאַר און נאָך דער מלחמה. ער איז געווען רעדאַקטאָר פון אַ פוילישערצײַטונג "זשיטשיע וואַרשאַווי", ער העלפט די פּליטים, קויפט אָפּ דאָקומענטאַרע פאָטאָגראַפיעס אין שיקט זיי אין יד ושם. אין 1946 קומט ער קיין פּאַריז. ער ווערט דורך דער פראַנצויזישער רעגירונג דעלעגירט ווי אַ שליח קיין פוילן אויסצוטיילן 500 וויזעס פאַר יידן. ער האָט אויך געהאָלפן גערעטעוועטע פּליטים דאָ, אין אַמעריקע. זינט 1971 איז ער רעדאַקטאָר פון דער "צוקונפט" און פרעזידענט פון יידישן פּען־קלוב ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן. ער איז אויך געווען טעטיק אין פאַרבאַנד פון די לעבנגעבליבענע פון חורבן — "וואַגראַ", און עקזעקוטיוו־מיטגליד פון קולטור־קאָנגרעס. ער איז אַוועק פון דער וועלט דעם 20 סטן מערץ, 1983.

יחיאל הירשהויט, ווי מיר געדענקען אים, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז ווי אַ הומאַניסט, אָנגעזאַפּט מיט אהבת ישראל: אַ טאַלאַנטפולער שרײַבער, דערציילער און היסטאָריקער: אַן עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער, קרעפטיק אין אויסדרוק, רײַך אין ליטעראַריש־טעכנישע, שאַפערישע טערמינען און עלעמענטן פון קינסטלערישער דערהויבנקייט. ער האָט איבערגעלאָזט אַ ווערטפולע ליטעראַרישע און הומאַנע ירושה וואָס מיר וועל אויפהאַלטן אין זכרון.

די צײַט אין לעבן דויערט
איין אויגנבליק, נישט לאַנג.
דאָס לעבן, שיכט נאָך שיכט
אין אַלע דורות גייט מיט,
די פעלערן פאַרריכט

פון מענטש און זיך צעשיידט.
ווען אַן אַנדערן זי פאַוויגט
מיט תהומיקע געברומען
האָט זי פאַרדינט איר זיג
ווײַל זי האָט דיך געפונען.

## "פײַערדיקע טריט"

צו ווען זאָלסט נישט געהערן
אין וועלט פון אומעט און פרייד,
טרײַיהייט וועסטו שווערן
ווען דער אומעט זיך פארבײַט.

דאָס ליכט וועט שײַנען אין רעגנבויגן
אויך ווען ס'פליסט דער רעגן;
דײַן בליק אין די אויגן
וועט נישט אָפּפרעגן.

אַלע פײַערדיקע טריט
אויף שטיינערנע וועגן
פון צײַט פאַרשיט
אַנטקעגנקומען מעגן.

זיי געהערן צו דיר אַליין
ווי גראָזן צו דער ערד,
ווי דער שאָטן אין שײַן
צום ליכט געהערט.

## מײַן האָפענונג

איך האָב געלעבט און גאָרנישט געזוכט צו פאַרשטיין.
געלעבט אין דרעמלדיקן פײַן און גאָרנישט פאַרשטאַנען.
דער ייאוש וואָס הענגט איבער אַלע איינזאַמע האָט
דעם וועג געוויזן און באַוויגן נישט צו זוכן דעם זינען.
דער באַהאַלטענער בליק האָט אויפגעכאַפּט מיט קראַפט
דאָס געלעכטער, און פאַרקרימט מײַן פנים אַצינד,
ווען איך זע אַלץ זיך פאַרלירן אין דער נאַכט.
אַלץ וואָס איך האָב געלויבט איז אַוועק אין זינד:
דער ווינט, די בלעטער, דער בוים אין מײַן געצעלט,
די ליבע וואָס זיי געגעבן אין געדאַנק
ווען כ'בין אַדורך אין שווײַגן אַלע ליידן אין דער וועלט,
וו מײַן האָפענונג איז געוואָרן געלעכערט אין פאַרגאַנג.

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין

# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציעס שרייבט צו:

**THE WORKMEN'S CIRCLE**

1525 South Robertson Blvd. ⊙ Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט: (213) 552-2007

עקיבא פישבין / פאַריז

# דוד טושינסקי — דער קינסטלער פון דער מיניאַטור.

דוד טושינסקי, דער פאַריזער יידישער קינסטלער, איז אַ געהויבענער נאָמען פון דער קליינער פאָרעם אין דער פלאַסטישער קונסט. זיינע מיניאַטורן האָבן אַ שם אין דער וועלט. זיי צויבערן, ווי דער פייער־געזאַמל פון אַ פיין געשליפענעם דימענט.

מיט דער אָ קליינער פאָרעם פאַרזיוגט איז דוד טושינסקי זייט ער איז אַוועק מיטן ברייטן שליאַך פון קינסטלערישער יצירה. זי פאַסט צומבעסטן, א סברה, צום כאַראַקטער און פסיכיק פון אונזער קינסטלער. עפעס האָט אים קיינמאָל נישט געצויגן אַ הילכיקן רעד צו טאָן אין אַ פאַרנעמיקן קאַדער; צעיאַכמערן זיך מיט פאַטאָס אויף אַ מאָנומענטאַלן שטייגער — דאָס אוודאי וואוודאי נישט. אַזעלכעס ליגט נישט אין זיין נאַטור, און אים איז דאָס נישט צום האַרצן. זיין שטייגער איז דער קול דממה דקה. און אַז דער וויטיק מאַכט איבערגיין די אויגן פון טרערן, כליפעט ער אויך דאַן קוים וואָס מען הערט.

הכלל; דוד טושינסקי איז פאַרקנסט צו דער דימענסיע פון אַ בלעטל בריסטאָל פאַפיר, טיילמאָל אַ פאַרמעט; ער איז פאַרקנסט צום דעליקאַטן, דינינקן פענדזל, אָפטער צו דער נאָך דינינקער פעדער. זיי טונקט ער אין שוואַרצן טוש, אַ מאָל אין גאָלד־קאָליר צו באַליכטיקן אַ שטריך, און טיילמאָל נוצט ער גאַנץ פשוט פאַרבן. מיט די אָ "כלים" וועבט טושינסקי אויס אַ פאַרכישופטע וועלט — אַ מין וועלט, וואָס שטייט אויף פינקלדקע פונקטן ווי די לויכטנדע שטערן, און אויף כל המינים ליניעס ווי אַ זיידענער פאָדעם די דיק. אין דעם צויבערדיק־אָרנאַמענטאַלן אוניווערס שטעקט אַ ים מיט געשטאַלטן: זיי קאָנען נאָר די איינציקע שפּראַך פון געזאַנג אָן ווערטער. דוד טושינסקי — דאָס דאַרף מען אונטערשטרייכן — איז אַ מייסטער בהלכות דעקאָראַטיווע קונסט. ער פאַרמאָגט אַ ברייטן דיאַפּאַזאָן פון אָרנאַמענטאַלע געדאַנקען, וועלכע ער ברענגט אַרויס מיט דער בליציקייט פון אַ ווירטואָז.

און דאָך וואָלט אַ טעות געווען צו מיינען, אַז דעם קינסטלערס דאגה איז דווקא די אָרנאַמענטאַלע קונסט. דער ווירטואָזער כאַראַקטער פון ד. טושינסקיס אָרנאַמענטיק איז, לפי עניוות דעתי, פאַקטיש, נישט מער ווי אַ מאַגישער קאַדער בלויז, מיט דער זיידענער פיינקייט פון דעקאָר, מיט זיין שאַרם און גלאַנץ, איז ער אויסן בלויז דאָס אויג פון צושויער צו פאַרמאַניען און פאַרפירן צו די סודות פון זיין נשמהדיק געמיט. אמת, אין קאָנטאַקט מיט אַ טושינסקי־מיניאַטור ווערט מען באַרוישט. בלי ספק! אָבער, ווען אָנגעזעטיקט האָט דאָס אויג זיך מיטן אָרנאַמענטאַלן עשירות, פול מיט רמזים און אָנצוהערנישן, דערבליקט איצט דער צושויער, אַז אין דעם ליניאַרן דעקאָר־פאַרפלעכט גליט דאָס האַרץ און די נשמה פון בעל־יצירה. איר קאָנט פון פאַרפלעכט די ליידן און פריידן פון קינסטלער אַרויספעדעמען; אָנטאַפּן קאָנט איר דאָרט זיינע געפילן, זכרונות, איבערלעבונגען — דעם טרויער זיינעם נאָך דער אויסגעריסענער יידישער וועלט.

אין אַ געוויסער הינזיכט דערמאָנט די טושינסקי־מיניאַטור אין די מיניאַטור שאַפונגען פון אַמאָליקע הגדות, מגילות און כתבי־יד, ווען דער קינסטלער האָט זיך צעיאַכמערט און צום אויסדרוק געברענגט אוצרות פון אָרנאַמענטיק. דערמיט איז ער אָבער נישט יוצא געווען, מחמת בלויז שיין איז עפעס נישט יידישלעך. האָט ער שוין אין דעם רייך דעקאָראַטיוון קאַדער אַריינגעלייגט אַן אינהאַלט, וואָס האָט געאָטעמט מיט אַספּיראַציעס און געפילן פון זיין יידישער סביבה. דאָס ענלעכע איז מיט ד. טושינסקי, דעם ייד פון אונדזער אימהדיקן דור; טושינסקי ברענגט די געפילן פון דער יידישער

פאָסט־חורבן סביבה דורכן פילטער פון זיינע אייגענע ווײ־און־ליידן. פאַראַן ביים קינסטלער אַ שאפונג, איז זי איינגעטונקט אין אַ יתקדל ויתקדש אַטמאָספער. די אָ שאַפונג האָט ער אַ נאָמען געגעבן "דער שוואַרצער שפּיגל"; זי קען דינען ווי אַ מאָטאָ צו זיין גאַנצער קונסט — עד היום! זעקס גרויסע יום־כיפּור ליכט שוואַרצע שטייען אין פראָנט אויסגעשטעלט אין אַ שורה, ווי פינצטערע אבלים ביי אַ קבר, אַן אָפּענעם, און אין דער טיף — אַ פּעך־שוואַרצער פּירקאַנט — אַ שפּיגל אין אַ געשניצטן, קאָסטבאַרן קאַדער איינגערעמט...

* * *

דוד טושינסקין האָב איך באַקענט אַ יאָר פינף נאָכן חורבן בעת אַ זומערדיקן אָפּרו אין אַ געזעלשאַפטלעכן צענטער נישט ווייט פון פּאַריז. ער האָט זיך אויסגעשיילט דאָרט, דערמאָנט זיך מיר, מיט זיין אינטענסיווער רירעוודיקייט, געמיטלעכער שטימונג און גוטן הומאָר. דער שמייכל פלעגט נישט אָפּטרעטן פון זיין יונגן פּנים מיטן פיין געשניצטן שוואַרצן בערדל אין וועלכן וואו־נישט־ווו האָט שוין אַ ווייסע האָר זיך גענומען אַריינגנבנען.

אַן אַנדערער מענטש גאָר איז ד. טושינסקי געוואָרן, דערמאָן איך זיך, אין די פּרימאָרגנס, ווען ער פלעגט אינעם ליידיקן, אויפגערוימטן נאָכן פרישטיק עס־זאַל, זיך באַזעצן מיט זיינע "כלים" אין אַ ווינקל ביי אַ טיש און זיך נעמען צו זיין קינסטלערישן שחרית. דאָ איז פון זיין פּנים אַוועק דער שמייכל. ביים ווייסן בריסטאָל פּאַפּיר מיט דער דינינקער טוש־פעדער אין דער האַנט איז געזעסן אַן אַנגסטיקער מענטש, אַ בעל־יצירה; דער האַרטער ערנסט אויפן פאַרכמאַרעטן פּנים האָט מגלה סוד געווען, אַז אַ ספּאַזם פון בריענדיקן ווייטיק צעוויכערט זיין געמיט, און זיין נשמה טוט איצט וויברירן מיט ברומענדע טענער ווי די פילבאַרסטע האַרפע.

אָפּט פלעג איך זיצן און נאָכפאָלגן יעדן באַוועג פון קינסטלערס האַנט, נאָר אַ פּיפּס פון מויל אַרויסברענגען האָב איך נישט געוואַגט; מחמת שטערן אים מיט אַ וואָרט, וואָלט געווען אַ חילול־השם! דוד טושינסקי האָט איצט אויף דעם ווייסן בריסטאָל פּאַפּיר מיט זיין פעדערל, ווי אַ האָר די דיק, אויסגעיאָמערט זיין חושכדיק געמיט. צאַרטינקע שוואַרץ־ווייסע בלימעלעך פון בענקשאַפט האָט ער איצט געלייגט אויפן אימאַגינירטן קבר פון זיינע אומגעבראַכטע נאָנטע געשטאַלטן. לאַנגזאַם איז געפלאָסן דאָס פעדערל פון קינסטלער, גלייך באַוועגט וואָלט זיך עס צום טאַקט פון קדיש, וועלכן זיינע ליפּן האָבן געפּרעפּלט, דאַכט זיך, שטיל־שטילינקע, נישט צו באַמערקן.

דער קול דממה דקה פון די טושינסקי־מיניאַטורן איז מיר גלייך אַריין אין האַרץ! דער קינסטלער האָט אַן איינדרוק אויף מיר געמאַכט, ווי יענער באַשיידענער ייד וואָס שטופּט זיך נישט מיט זיין תפילה אויבן־אָן; נישקשה, גאָט הערט תפילות פון אומעטום.

* * *

דוד טושינסקי האָט געהאַט מזל צו האָבן אַ גליקלעכע קינדהייט און אַ יוגנט, אַ ליכטיקע. טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר קונסט און געזוכט זייער דודלען צו מאַכן פאַר אַ לייט; ווייל נישט איינמאָל האָט ער, אַלס קינד, באַקומען אַ קניפּ אין בעקל פאַר די צייכענונגען זיינע. אַפילו דער באַקאַנטער קינסטלער, נתן קאָזשען, דער קדוש פון דער נאַצי־שחיטה, האָט אים געלויבט און סימנים פון וואַרעמקייט אַרויסגעוויזן. האָבן די עלטערן אים געשיקט לערנען קונסט קיין לאָדזש. דאָרט האָט ער

באַוווּנדערט די שאַפונגען פון גרויסע יידישע קינסטלער, זיך געטראָפן מיט אַרטור שיק — דעם מייסטער פון מיניאַטור, און אַ גליקלעכער געשווימען אויף די כוואַליעס פון קונסט. בעת די ערשטע 22 יאָר, די אויסגעלעבטע אין יידיש־שניידערשן שטעטל בזשעזשין, ווו ער איז געבוירן געוואָרן; אין וווּנדערלעך שיינעם פלאָצק, ווו ער האָט זיך געכאָוועט, און אינעם יידישן כרך לאָדזש, ווו ער האָט געלערנט — איז דוד טושינסקי, קע ן מען זאָגן, געווען אַ גליקלעכער מענטש. איז געקומען דער נאַצי און פאַרטיליקט אַלע יידן פון בזשעזשין, פאַרטיליקט דאָס שיינע יידישע פלאָצק ביי דער ווייסל און אַ תל געמאַכט פון יידישן לאָדזש מיט איר בליענדיקער קולטור. אַ לאַנגע פינצטערע נאַכט — אַ נאַכט פון חלף און ציקלאָן־גאַז — האָט זיך אַראָפגעלאָזט איבער יהדות אייראָפּע, דעם שפּיגל פון יידנטום. פאַרלאָשן זענען געוואָרן די שטערן פון דוד טושינסקי און באַגראָבן אונטערן אַש פון בזשעזשין, פלאָצק און לאָדזש. און אַז אויף טויזנטער שטיקער צעריסן איז געוואָרן די נשמה פון גרעסטעוועטן קינסטלער, האָט אַ פליי ץ געטאָן פון אונטער זיין טוש־פּעדערל אַ כוואַליע שוואַרץ־ווייסע טענער. זיינע מיניאַטורן האָבן גענומען אויפלעבן די געזיכטער פון זיין היים, מחמת געמאָנט האָבן זיי נישט פאַרגעסן צו ווערן. אויפגעטויכט האָבן דאָרט די שטעטלדיקע סילועטן, ווייל אַ נר־תמיד פלעמל האָבן זיי פון אים פאַרלאַנגט.

אַן עדות, אַן ערלעכער פון קינסטלערס ביטערן געמיט נאָכן חורבן, איז דער קאַרגער אויסוואַל פון זעכצן מיניאַטורן שוואַרץ־ווייסע, איינגעזאַמלט צווישן טאָוולען און אַרויסגעגעבן דורך אַ פאַרלאַג אין 1949 אין פּאַריז. די מיניאַטורן אַלע, מיט פלאַכן צעשניטענע, אַזוי ווי שאַרפע מעסערס וואָלטן פון זיי שטיקער געשניטן — האָבן אַ טעם פון קדיש! שוין די ערשטע מיניאַטורקע אין אַלבאָם — פינף צעפלאָשעטע ווייסע פייגל אַנגסטיקע זינקען אין שוואַרצעניש פון אַ וויכער — איז אַ התעלותדיקער פּרעליוד צום שטילן רעקוויעם לכבוד די הייליקע נשמות פון קינסטלערס היים און זיין שטעטל. מיט דער שאַרף פון ליכט און שאָטן מאַכט אויפציטערן טושינסקי דער מאמעס בילד מיטן טאַטנס פאָרטרעט צוקאָפּנס. ווי פון אַ פאַנטאַסטישן אוניווערס אין פיבערדיקן גלי, שיינט אַרויס זיין שוועסטערס געשטאַלט, ווי אַ הייליקער מלאך. און אָט איז אויפן בארג פלאָצק מיטן צעפאַרענעם געזאַמל פון הייזער וואָס טוליען זיך צו איינאַנדער, ווי די שעפּסן אין אַנגסט פאַר דער שחיטה. און אָט איז אַ געסל פון יידיש שניידערישן בזשעזשין מיטן וואַסער־פּלומפּ און ציגן אַרום. אָט ליאַרעמען יידישע קלעזמאָרים אין ליכט און שאָטן. אָט שפּאַנט אויף די שטיינער פון געסל, צווישן ווענט פאַלנדיקע, אַן איינגעטוליעטע יידענע מיט צוויי קאָשיקעס בייגל.

מען דאַרף באַמערקן און אונטערשטרייכן, אַז דער לייט־מאָטיוו פון דעם שפּעדיקן און טעמאַטיש רייכן ווערק פון דוד טושינסקי איז, ביז אויפן היינטיקן טאָג, די טראַגיש פאַרשניטענע היים און שטעטל. אין זיינע מיניאַטורן דערשיינען כסדר די געזיכטער פון זיין משפּחה און די סילועטן פון פלאָצק און בזשעזשין. אויסגעבונדן ווערט די טעמע נאָר בלויז אין וואַריאַציעס פאַרשידענע, די טאָנאַליטעט באַקומט יעדעס מאָל אַן אַנדער פּנים, און אויך די פיגור פון האַרמאָנישן אַקאָרד איז אַ צווייטע. עד היום לאָזן דעם קינסטלער די דאָזיקע וויזיעס נישט צו רו.

פאַראַן אָבער מאָמענטן, ווען דאָס האַרץ גייט איבער פון טרערן. דעמאָלט לאָזט טושינסקי אַלץ שטיין און אַנטלויפט — ער לויפט, ווו די אויגן טראָגן... אַמאָל לאָזט ער זיך טאַקע איבער דער וועלט ממש און דאָרט, אין נייעם פּייזאַזש און אַטמאָספער קריגט די מוזע אויף אים רחמנות; זי שיקט אים אַ גאָר נייע אינספּיראַציע און באַרואיקט זיין געמיט. זיצט ער דאָרט אַ צייט און שאַפט. פון דאָרט ברענגט ער אַ מאָל אַהיים אַ זוניקן

פייזאַזש, אײנגעפּאַסט אין אַ געשליפֿענעם דעקאָר; אַ מאָל אַ פֿאַטיש־חנעוודיק ווינקל מיט סימבאָלן, אויף זײַן שטײגער, אויסגעצירט. טײלמאָל, זיצנדיק אין שאָטן פֿון מאַכטיקע אַרכיטעקטאָנישע מאָנומענטן און דורכגענומען מיטן קול פֿון די אָ קונסט־אוצרות פֿון פֿאַרלאָפֿענע צײַטן, צויבערט ער אויס פֿון זײ ציזעלירטע צאַצקעס, ווי אַ יוועליר־מײַסטער פֿון די רענעסאַנס־צײַטן וואָלט זײ אויסגעכישופֿט. פֿאַראַן בײַ דוד טושינסקי נאָך אַ צווייטער מין "אַנטלויפֿן" פֿון ווידיעס וואָס מאַטערן. דאָס איז אָדער א "רייזע" איבער יידישע חפצים, וועלכע נעכטן נאָך האָבן זײ באַצירט יידישע היימען אין מזרח־אייראָפּע, אָדער אַ "שפּאַציר" איבער מיסטעריעזע עלעמענטן פֿון יידישער סימבאָליק, ווי א שטייגער — בעלי־חי, מזלות, קמעות וכדומה. פֿון אונטער זײַן פּעדערל ווערן דעמאָלט געבוירן סעריעס גאַנצע פֿון בשמים ביקסלעך, מנורות, לאָמפּן פֿון שטעטלדיקן שטייגער, אָדער אַ וועלט פֿון סטיליזירטע חיות. די אַלע אָביעקטן טוט טושינסקי דעקאָרירן מיט אַ האַנט פֿון אַ מײַסטער. שיינע בעלי־חי דערשיינען לרוב אין צושטאַנד פֿון מעדיטאַציע, גלייך זיי וואָלטן פֿאַרן מענטש אַן עצה געזוכט, ווי אַזוי מאַכט מען די וועלט פֿאַר אַ לייט... "אָנגעטאָן" זענען די אָ סימבאָלישע מיסטעריעזע חיות אין אַ דעקאָראַטיוון אויסוועב פֿון פּעדעמדיקע ליניעס, רונדן, עלעגאַנטע אַראַבעסקן, קערנדלעך פֿון פֿאַרשידענער דיק. דער אָ אַבסטראַקטער דעקאָר דערלאַנגט דעם אָביעקט אַ מאַגישע קראַפֿט. גאָר אַ צווייטן טעם לייגט אַריין טושינסקי אינעם דעקאָר פֿון די היימישע בשמים־ביקסלעך, מנורות און לאָמפּן. די אָ חפצים, געזען דורך דער פּריזמע פֿון אַ טרער, רופֿן אַרויס בײַ אים זכרונות פֿון אַמאָל. לכן, טוט ער שוין דעם דעקאָראַטיוון קאַדער דורכאויס דאָ הומאַניזירן; בײַנאַנד מיטן לינעאַרן אָרנאַמענט. דעם אַבסטראַקטן, דערשיינט דאָ אויך אַ פֿידל, אַ האַרפֿע, אַ זייגער, פּרטים פֿון אַ שטאָט־פּייזאַזש, געוויקסן, חיות — הכלל, רעאַליסטישע עלעמענטן, וועלכע טוען מרמז זײַן אויף מענטש און לעבן. איבער די דאָזיקע שטוב־זאַכן, אויסגעוווייקטע אין אַ בין־השמשות ליכט, שוועבט אַ ניגון פֿון אומעט.

בעצם איז בײַ ד. טושינסקי די יצירה פֿון "אונטערוועגנס" נאָר אַ געמיטלעכער אינטערמעצאָ. ווייל באַלד דערשיינען אויפֿסניי די געשטאַלטן פֿון זײַן היים און שטעטל. דער קאַראַהאַד פֿון די עבר־עלעמענטן, וועלכע פֿאַלן פֿון זײַן האַרץ און זכרון אַרויס, דאָס איז זײַן "אייביק באַלאדע" (פֿאַראַן בײַ אים אַזאַ שאַפֿונג).

אָפּטמאַל, בכדי צו שטילן זײַן בענקשאַפֿט, כאַפּט דוד טושינסקי די "כלים", און איז מזכיר אַ משפּחה קדוש מיט אַרויסברענגען זײַן פּאָרטרעט. אונזער קינסטלער, דאַרף געזאָגט ווערן, איז אַ ביז גאָר אָריגינעלער פּאָרטרעטיסט. אָט, נעמט לדוגמא דעם פּאָרטרעט פֿון זײַן מוטער אין שוואַרץ־ווייס, פֿון די ערשטע מוטער־פּאָרטרעטן גלייך נאָכן חורבן: די מיזאַנסצען איז דאָ זייער אַן אינטערעסאַנטע. די פֿאָרעם פֿון דער מאַמעס צאַרטן פּנים אין ליכט אויסגעצוואָגן טויכט אַרויס ווי ווידיע פֿון אונטער דער שטעטלדיקער ערד אַפּער: און די שטיינער פֿון גאַס — זיי פֿורעמען איר קאָפּ מיט די האָר. אַרום פֿאַרטראַכטן פּנים קרייזן אין אַ ראָד די הייזער־סילועטן פֿון "אַ שטאָט, אַ חלום פֿון א מקובל/ וואָס שוועבט אַ גרויע, אין דער וועלט,/ ווי שפּינוועבס אָנהויב אָסיען" (מ. קולבאַק). דער אָ מאַמע־פּאָרטרעט פֿון טושינסקי נויטיקט זיך נישט אין קאָמענטאַרן. ער איז רירנדיק און אָריגינעל.

אָריגינעל זענען די אויטאָפּאָרטרעטן פֿון ד. טושינסקי — לרוב אײנאָויגיקע; זיי אַקצענטירן דעם אינטראָספּעקטיוון בליק זײַנעם. טושינסקי קאָן מיט אַן אַנעקדאָטישן פּרט כאַראַקטעריזירן זײַן מאָדעל, און די נשמה זײַנע אויפֿדעקן אין אַ רגע.

פֿאַראַן בײַם קינסטלער מיניאַטורן, דערשיינען דאָרט געקריציקטע געשטאַלטן. אין אַזאַ שאַפֿונג הערשט אַן אל־מלא־רחמים־אַטמאָספֿער. אָט, נעמט אַ בײַשפּיל, די

יצירה: — "יונה'לע מלאך". אין בזשעזשין איז געווען אַ יונגער, איידעלער בחור, אַ יותם, האָט ער זיין שטיקל ברויט פאַרדינט מיט טראָגן וואַסער איבער יידישע היימען. יונה האָט ער געהייסן. דער עולם אין שטעטל האָט אים גערופן "יונה'לע מלאך"! ווייל ווען יונה פלעגט אַרומשפּאַנען מיט די קאָראָמיסלעס אויף די אַקסלען האָט ער, מיט דער אויסגעצויגענער פיגור אין לאַנגן ווייסן טלית־קטן, געהאַט די מראה פון אַ מלאך. ביי אַלעם, איז דער וואַסער־טרעגער געווען אַ בחור, א מתמיד. גאַנצענע נעכט פלעגט ער זיצן און לערנען. אין טאָג, איז ער טאַקע געוואָרן אין שטעטל אַ לערער פון עברית. ווען די נאַציס זענען אַריין קיין בזשעזשין איז "יונה'לע מלאך" געווען זייער ערשטער קרבן — אויפגעהאָנגען האָבן זיי אים בפני כל עם ועדה!

אין דער טושינסקי־שאַפונג לזכר "יונה'לע מלאך" דערשיינט דער קדוש, דער אָ באַשאָנקענער מיט אַזאַ דורשט צו אַ לעבן פון דערהויבונג, אין זיין ערשטן דווקא עקזיסטענץ־באַרוף, ווי אַ וואַסער־טרעגער. אָבער נישט ווי אַ געהאָנגענער אויף דער תליה זעט ער אויס — יונה וואַסער־טרעגער. אין דעם לאַנגן בליאַנקעדיקן טלית קטן איינגעהילט, מיט די אויסגעשפּרייטע אָרעמס און הענט צום הימל געהויבענע, ווי ביים דוכנען; מיט די ריזיקע צוויי פייגל ווייסע, וואָס שטייען סימעטריש אים צו קאָפּנס און וואַרפן אַ בליק פון פאַראַכטונג אויף דער זינדיקער ערד — זעט דער וואַסער־טרעגער אויס, ווי אַ געקרייציקטער מלאך גאָר. אָט, באַלד וועט ער אַ נעם טאָן די שוואַרצע קאָראָמיסלעס מיט די נאָכהענגענדיקע צוויי עמערס — די כלים פון זיין ערדישן גילגול, און אַ הויב זיך געבן צו זיין לעצטן פלי אין הימל אַריין...

אין אַזאַ שאַפונג, אָנגעזאַפּט מיט טראַגיק, איז דער קינסטלער מבחינת דעקאָר קאַרג ביז גאָר. דאָס אויג טאָר נישט פאַרפירט ווערן פון אַן איבעריק וואָרט; דאָ פּאַסט די שתיקה בלויז! איז דער דעקאָר דאָ טאַקע אַ גאַנץ באַשיידענער: דווקא מיט אַ קאָמפּלעמענטאַרער פונקציע. בסך־הכל, האָבן דאָ די אָרנאַמענטאַלע עלעמענטן דעם טעם, ווי דער צער פון מלווים אויף אַ לוויה. אָט, למשל. די פּיס פון "יונה'לע מלאך" נעמט אַרום אַ שוואַרצער קרייז פון שטעטלדיקע הייזער־סילועטן, און אַ בלום פאַלט דעם קדוש צו פוסנס. געוויקסן באַגלייטן צום אָפּשייד אַן עמער; און אַ ציג אין טרויער שטייט ביי דעם צווייטן עמער. האָבן דאָך אַלע, די שטומע צונגען, געצויגן חיונה פון "יונה'לע מלאך"ס וואַסער... אַ ווינטל האָט משמעות צערודערט דעם טלית קטן פון קדוש, ווייל ציצית איינצלנע וויקלען ארום די "אבלים", גלייך ווי מיט אַ צאַרטן גלעט וואָלטן זיי וועלן אַ טרייסט דערלאַנגען. אויף דעם שפּיץ, דעם סאַמען, פון דער תליה, האָט אוועקגעשטעלט דער קינסטלער, כמו פלעמלעך צוויי — די אותיות פון שם המפורש!

* * *

אין דער קונסט פון דוד טושינסקי פלאַטערט אַ ניגון מיט אַ ספּעציפישן קלאַנג. אַזאַ מין קלאַנג געפינט מען נישט אומעטום. קען זיין, טאַקע, דעריבער פאַרגעדענקט זיך אַ טושינסקי־מיניאַטור אויף שטענדיק. איר ניגון שניידט זיך אַריין אין זכרון, ווי אַ מוזיקאַלישע פראַזע, וואָס פאַרפאָלגט. יאָ, פאַר דער יצירה פון דוד טושינסקי דאַרף מען האָבן אַן אויג וואָס הערט!

**חיים פלאָטקין/ ניו־יאָרק**

## ווער האָט צעפּראַלט פון גיהנום די טירן?

זיינען די הימלען געווען פאַרשלאָסן
פאַר די יום־כּיפּור תּפילות?
די כוונות די ריינע
וויל גאָט מער נישט הערן?
ווער האָט צעפּראַלט פון גיהנום די טירן?
מיינע יסורים זיינען שאַרפער
פון אַלע מעסערט.
אַ וואָרט
קען אַמאָל
ווונדן היילן
נאָר ווו געפינט מען די טרייסט
פאַר די יתומים און די מאַמעס
ביי די אָפענע קברים?
מיין ליבשאַפט ווייסט נישט פון קיין צאַמען.
אַ זאַמדעלע
אין בלוט
גליט הייסער פון אלע זונען.
אַ טראָפּן פון ים־המלח
איז מיר אויך געווען האַניק־זיס!
דער ניגון פון די ירושלים־בערג
קען דערזאַטן אַלע אָרקעסטערס!
איך האָב נישט געזעטיקט מיינע אויגן
פונעם הימל־בלאָ
און אילת.

יום כּיפּור
ווו איז געווען גאָט?

די סאַברעט האָבן דעם מידבר
אָנגענומען ביי די הערנער:
די אַקעראייזנט
מוז מען איבערשמידן
אויף שווערדן...

## פאַראַן אַזאַ ווונד

כ׳האָב זיך באַהאלטן הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר,
מיין ווייב זאָל נישט ויסן וואָס ווייטיקט אין מיר.

זי זאָל נישט מיינען איך בין פון זינען אַראָפּ,
זיצנדיק ביים שרייבטיש מיט אַ געזונקענעם קאָפּ

און בייסן די נעגל נערוועיש, די פיין,
ווי פון הונגער דער הונט בייסט אַ ביין...

איך וועל איר דערציילן, נישט אַצינד:
יעדער נערוו אין מיר איז אַ וווּנד.

פאַראַן אַזאַ וווּנד וואָס טריפט נישט מיט בלוט:
מיט אַזאַ וווּנד בין איך געקומען פון שטאָט

ווו געוואָרן איז חושך, כאָטש די זון האט געשיינט,
מיט נאָך יידן דעם בראָך אָן טרערן באוויינט:

נאָך וואַרעם זענען די אותיות און הייס נאָך דער בליי
און סיובלט שוין דער קברן פון איסט בראָדוויי.

## טיפער פון ים

נישט יעדע מוזיק מיין אויער איז גערן;
נישט יעדעס ליד איז מיר געזאַנג:
תפילה־ניגון לויטערט טרערן
נעמט מיך אַרום מיט לויבנס־געפאַנג...
ווי סטרונעס וואָס שפּילן אויס נאָטן —
מיינע ווערטער אויפן ווייסן פּאַפּיר:
גאָטעניו! אויב אַ וואָרט איז אין שאָטן
וועט עס בלייבן ווי אַ שלאָס אויף מיין טיר?!...

פון שלמה׳ס שיר — השירים — געזאַנגען,
פון ירמיהו׳ס גורלדיקן קלאָגן
ניט איינמאָל פון זיי כ׳וועל געפאַנגען,
מיין וואָרט ז׳ניט בכוח זייער וויזיע דעריאָגן...

וויפל יאָרן איז מיר נאָך געבליבן
זוכן דעם פונק פונעם פלאַם:
וואָס זייער פעדער האָט ניט דערשריבן
איז טיפער פון ים.

---

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע.

אַבאָנימענט: $8.00 אַ יאָר.

יוסף האָרן / בוענאָס איירעס

# בריוו פון יידישע שרייבער (פאַרצייכענונגען)

בעת א דור ווערט פאַרלאָשן. איז שווער צו פאַרצייכענען אַלע נעמען פון די יידישע שרייבער, קינסטלער, בינע־פיגורן, וואָס גייען אַוועק אין דער אייביקייט, אין ישובים ווו יידן לעבן און שאַפן, בפרט, אַז די צאָל טאָג־צייטונגען אין יידיש איז ווייניקער געוואָרן און אויך די יידישע אינפאָרמאַציע־ביוראָען און זייערע מיטאַרבעטער זענען געוואָרן זייער ווייניק און אין טייל ישובים ממש מער ניט בנמצא.

אין די יאָרן בעת באַריס סמאָליאַר ע״ה, איז געווען הויפּט־דירעקטאָר פון דער יידישער טעלעגראַפן אַגענטור י.ט.אַ. און צווישן די מיטאַרבעטער זענען געווען יידישע פען־מענטשן, צווישן זיי דער דיכטער אַלעף כץ ע״ה, איז קיינער פון די יידישע שעפער אין דער ייִדיש־וועלט נישט פאַרזען געוואָרן. צו דעם האָבן יידישע צענטראַלע אינסטיטוציעס אין אַ ריי לענדער געהאַט יידישע שרייבער אַלס אינפאָרמאַנטן.

היינט איז לגמרי אַנדערש. אַז עס גייט ווער פון די ייִדיש־שעפערישע מענטשן אַוועק אין דער אייביקייט, נעמט פיל חדשים ביז מ׳ווערט געוואָר ווער עס איז נפטר געוואָרן אין ישראל, צי אַמעריקע, קאַנאַדע, פראַנקרייך, אַרגענטינע און אַנדערע לענדער.

אָט למשל, איז איצט דורך ״די צוקונפט״ אין ניו־יאָרק. אין יאַנואַר־פעברואַר־נומער 1990, מיטגעטיילט געוואָרן די טרויעריקע ידיעה, אַז ״שיע טענענבוים, פּראָזאַיקער און עסייאיסט איז געשטאָרבן דעם פאַרגאַנגענעם דעצעמבער אין עלטער פון פון 79 יאָר״.

שיע טענענבוים איז געווען אַ באַקענטער יידישער שרייבער, מחבר פון 24 ביכער, אָנהייבנדיק פון זיין ״צוגאַסט ביי דער וועלט״, וואָס איז דערשינען אין פוילן, אין די דרייסיקער יאָרן, אונטער דער אפּיטרופּסוס פון ״ליטעראַרישע בלעטער״ און אין די לעצטע יאָרן אין אמעריקע די ביכער עסייען, זכרונות, דערציילונגען: ״פון אַש און פייער״. ״אין מיטנאַכט ווארשע״, וואָס האָבן באַקומען ליטעראַרישע אויסצייכענונגען.

שיע, אָדער ווי שרייבער פלעגן אים רופן שיעלע, איז געקומען אין אמעריקע אין יאָר 1934 און געוואָרן זייער היימיש אין דער שרייבער־סביבה, אין קאַפע ״רעאַל״ און ווו נישט? איז ער דאָך שוין געקומען מיט סמיכה פון וואַרשע און פריער אַ ריי יאָרן געווען אין בריסל, פּאַריז און זיין שאַפן האָט אַרויסגערופן אינטערעס נאָך אין פוילן בעת ער איז געווען אין פולאַוו, ווו זיך געלערנט זיין אַ שריפטזעצער ביים דיכטער שלמה שיינבערג און געדרוקט דערציילונגען, רעפּאָרטאַזשן אין וואַרשעווער ״פאָלקס־צייטונג״ און אין נאָך אַ ריי שריפטן. ווען שיע טענענבוים איז געקומען אין אַמעריקע האָבן נאָך זיינע עלטערן געלעבט און אויך אַ ברודער, ער האָט זיך אָבער געפילט עלנט, מחמת ער האָט געצויגן צו דער וועלט פון קונסט. יידישע, ווי א ריי ניט יידישע שרייבער, מאָלער, סקולפּטאָרן און זייער שאַפן זענען אים געוואָרן זייער נאָענט און ער האָט וועגן זיי פיל געשריבן.

שיע טענענבוימס שאַפונגען האָבן זיך געדרוקט אין פיל צייטונגען און זשורנאַלן אין דער וועלט און דאָך האָט ער ווי א שרייבער, אַ סך יאָרן קיין ״מזל״ ניט געהאַט. ער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע ראָמאַנען אין יידישע טאָג־צייטונגען, וואָס פלעגן דערשיינען אין שיקאַגאָ. פילאַדעלפיע א.א. געזאָגט האָט מען, אַז שיעלע איז אין שיכרות פון שרייבן, זיינע שילדערונגען און זיין עראָטיזם איז צו שאַרף...

איצט, די לעצטע יאָרן, האָט מען זיך שוין מער אויף אים אומגעקוקט, שיע טענענבוים איז אָבער פיזיש געווען געבראָכן, זיך געפילט עלנט און קיין מאָל קיין

נאָכן אָנרופן ווער עס האָט זיך אַלץ אָפּגערופן אויף זיין "אוישוויץ", שרייבט י. ראָגעל אָט וואָס: "אַלס אַן אבל פון אוישוויץ פּרוּוו איך אויסצוווייִנען מיין קדיש אין דער שטילסטער שטיל. ס'וואָרט מוז קומען פון די טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה, ווייל די נשמה איז דער באַראָמעטער פון אמת, כאָטש נישט אַלע קלאַמערן זיך אין אים... יעדער ווערט געבוירן מיט זיין גורל און דעם אייגענעם גורל קאָן קיינער נישט אויסמיידן. צו טראָגן אין זיך די טראַגעדיע אוישוויץ איז ממש איבער מיינע כוחות".

ווען יוסף ראָגעל איז געלעגן אין שפּיטאָל, האָט זיין פרוי געשריבן אָט־וואָס:

"ליבער פריינד יוסף האָרן, דאָס שרייב איך, ראָגעלס פרוי עטלעכע ווערטער, ווייל מיין מאַן קאָן אייך ליידער נישט שרייבן צוליב אַן עקסידענט, זיין רעכטע האַנט איז צעבראָכן און ער מוז טראָגן דעם גיפּס 12 וואָכן. ער דאַנקט אייך פאַר אייערע וואַרעמע ווערטער וועגן זיינע צערפולע ווידוי־שורות פון אוישוויץ. אין אייער שרייבן קומט צום אויסדרוק מענטשלעכע גוטסקייט און וואַרעמקייט, וואָס ער איז אייך זייער דאַנקבאַר".

יאָ, די שטילע נשמה האָט לאַנג נאָך אוישוויץ זיך געמאַטערט און לסוף נישט אויסגעהאַלטן...

דער זשורנאַליסט און שרייבער מרדכי שנער־שענקאַזש, וואָס האָט געלעבט אין ישראל און געשטאָרבן אין דער ערשטער העלפט יאַנואר 1990 איז געווען קרוב לשמונים און געשטאַמט פון לאָשיץ, פּוילן, שעדלעצער קרייז. געקענט יידיש, העברעיש, געענדיקט פּוילישע גימנאַזיע, געלערנט מאַטעמאַטיק אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט און געלעבט אין פּאַריז, דרום־אַמעריקאַנער לענדער און עולה געווען קיין מדינת־ישראל, ווו ער האט יאָרנלאַנג געדינט מיט אַרטיקלען פון ישראל אין פיל צייטונגען אין יידיש אין די תפוצות.

מ. שנער איז נישט בלויז געווען אַ זשורנאַליסט, נאָר אויך געשריבן ביכער אין יידיש, "געהערט און געזען אין רוסלאַנד", פון מטולה ביז אילת", וואָס איז באַלערנדיק.

ער שרייבט אין אַ בריוו פון תל־אביב און איז אביסל מקנא, וואָס כ'האַלט נאָך אָן די קאָרעספּאָנדענץ, מיט פיל פריינד. ער מוז קומען — שרייבט ער — אין בית סאָקאָלאָוו, צופאָרן אויף אַ זיצונג אין כנסת און הערן וואָס עס טוט זיך אַרום, און אין טעאַטער גיי איך אויך. און 5 אייניקלעך, זאָלן לעבן, אין ישראל און איינס אין ענגלאַנד.

מיר קאָנען אויך לעבן פון מיין פּענסיע, אָבער פון מיינע צוגאָב־פאַרדינסטן לעבט מען אַ ביסעלע בעסער און די אייניקלעך דערלייגן נישט צו העם...

מיין געזונט־צושטאַנד באַגרענעצט מיר נאָר ביים גיין, פאַראַן טעג וואָס איך קאָן נישט גיין, זיץ איך דאַן און שרייב, אָבער פאַראַן טעג, ווען איך קאָן פריי און לאַנג אַרומגיין, נו, האָב איך אויפן באַפעל פון דאָקטוירים גענומען טאָג־טעגלעך אַ שפּאַציר ביז 45 מינוט יעדן טאָג, אָן אויסנאַם, מ'קאָן דריי פערטל שעה אַרומגיין און אומגעשטערט קלערן וועגן וואָס מ'וויל און מען דאַרף. מיט האַרציקייט, דיין מרדכי."

זאָלן די געבראַכטע אויסצוגן פון בריוו זיין אַ דערמאָנונג צום גוטן. פון די לעצנס נפטר געוואָרענע יידישע שרייבער: שיע טענענבוים, יוסף ראָגעל און מרדכי שנער. כבוד זייער אָנדענק.

הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק

# איזי כאריק

לזיכרון

אַ

איך לייען
איזי כאַריקס
לידער
זיין יצירה
איז מיר
נאָענט
צו זיין
ליד
בין איך
געווענדט
פאַרציט
זיך אָפּט
די זיצונג
מיט כאריק
דעם
דיכטער יונג.

ב

נאָך וואָס
האָב איך
זיך אויסגעלערנט
זינגען לידער?
קנאַפּ איז
דער ברויזנדיקער
ווינט?
קאָפּ מיינער
מיין אומרואיקער
מידער...

קום
דערציילן
וועל איך
פון הונגעריקע
קינדער
זיי טאַנצן
אויף דאַרע
אויף
באָוועסע
פיס...

ג

כ׳האָב
געזען
אין בעקערייען
פּראָסטן
שוואַרצן ברויט
פייכטער זיינען
מיינע אויגן
געוואָרן
הונגעריקע
קינדער
טאַנצן
אויף פיס
באָוועסע
צום
טויט...

ד

ניט געשטאָרבן
איז
בערעלע פייפער
געשפּילט אויף זיין
האַרמאָשקע
האָט שמערעלע
מיט ברען!

ווייסער שניי
געשטילט
האָט
זייער הונגער:
ברויט
און חלום
צייטיקן
אויף פעלדער:
זינגט מאָטל פייסיס
צו זיין
פאַרוויינטער מאַמע...

ה

דיינע געזאַנגען
איזי כאַריק
זינגען
יונגע דורות
טאַנצן
אונטער גאָלדענע זון,

פסח מאַלעוויטש

## דער גאַסט

אונדזער שטאָט לאָס־אַנדזשעלעס האָט אַ יידישע באַפעלקערונג אין די הונדערט־טויזנטער כן־ירבו. די יידן, ווי אַנדערע עטנישע גרופן וואָס באַפעלקערן אונדזער לאַנד, שטרעבן תמיד צו פאַרבעסערן זייער לאַגע הן מאַטעריעל הן געזעלשאַפטלעך; דערביער אַז דער יינגערער דור ענדיקט לערנען און גייט אַרבעטן, פאַרדינט ער בדרך־כלל מער ווי די טאַטעס האָבן פאַרדינט.

דאָס איז אַלץ גוט און פיין. נאָר מיט דעם גייט האַנט אין האַנט דאָס אומפאַרמיידלעכע, דהיינו, פאַרמעגלעכע קינדער זוכן נייע, מאָדערנע וווינערטער, געוויינטלעך אין די נייע פירשטעט.

מיט דעם הייבט זיך אָן די ירידה פון אַ שטאָטישער יידישער געגנט. אינעם עתיד וועט אפשר דער יינגערער דור מיט נאָסטאַלגיע אַ מאָל דערמאָנען זיך אין דער געגנט פון די קינדער־יאָרן, און אַ מאָל טאַקע ניט. איך וואָלט געוואָלט אייך איצט דערציילן אַן אמתע געשעעניש וואָס איז פירגעקומען דאָ אין צענטער לאָס־אַנדזשעלעס יענעם ראש־השנה (תש״ן) ביי אונדז אין שיל ״אהבת ישראל.״

ווער האָט ניט געקענט ״אהבת ישראל״ אין די פופציקער און זעכציקער יאָרן? אַ פרעכטיק שיינער בנין מיט איבער טויזנט זיץ־ערטער. אין די ימים־נוראים פון יענע יאָרן פלעגן אַ סך מתפללים מוזן שטיין, ווייל זיצן איז שוין ניט געווען ווו.

---

ווינטן
וויגן זאַנגען
פול
מיט חלום:
לויטערע לידער
דיינע
לייענען דורות.

הונגעריקע קינדער
חלומען
פון ברויט
פון מינסקער בלאָטעס
הונגעריקע קינדער
טאַנצן
אויף באָרוועסע
פיס:
צום לעבן.

ו

דיינע געזאַנגען

איזי כאריק
זינגען
הונגעריקע
קינדער
אין בענקשאַפט
נאָך
היימלאַנד.

טאַנצנדיקע
קינדער
טאַנצן
אין מינסקער
בלאָטעס
אַנטקעגן:
בעקרייען
אַנטקעגן
ברויט
בענקענדיק
נאָך
פרייהייט...

די לאָס-אנדזשעלעסער געגנט פון סאַנטאַ מאָניקאַ און וועסטערן עווענױס פּלעג פאַרמאָגן כשרע יאַטקעס, בעקערייען און דעליקאַטעסנס. היינט זענען אילע כשרע יאַטקעס, בעקערייען און דעליקאַטעסנס אַוועק אין דער אייביקייט. עס וווינען אין דער געגנט די ניי-געקומענע פון די שפּאַניש-רעדנדיקע לענדער, ווי אויך אַרמענער, אַראַבער, און אַנדערע. אַלץ וואָס איז יידיש איז אַוועק, נאָר איין עקשנותדיקע שיל וויל בשום-אופן ניט אונטערגיין.

פון דריי טעגלעכע מנינים דאַוונט מען היינט אין אהבת ישראל נאָר אום שבת און יום-טוב אין דער פרי. צווישן צען און פופצן יידן קומען נאָך אַריין אין שיל און מיט דעם עקזיסטירט אהבת ישראל. קיין רב איז שוין לאַנג ניטאָ נאָר אַ חזן איז יאָ פאַראַן, ווי אויך אַ דריי-פיר יידן וואָס קענען דאַווענען פאַרן עמוד.

אַ פּאָר וואָכן פאַר יענעם ראש-השנה האָט מען אָפּטימיסטיש געשמועסט וועגן עתיד פון שיל.

"אונדזער געגנט גייט דורך אַ שטאָטבאַניי" האָט איינער געזאָגט. "יידן וועלן נאָך קומען אַהער וווינען, איר'ט זען!" די אַנדערע יידן האָבן נימוסדיק מסכים געווען.

אין די ימים — נוראים דאַוונט מען טאַקע אין אָוונט מיט דער האָפענונג אַז קדושת-היום וועט אינספּירירן אַ גרעסערע צאָל מתפּללים צו קומען אין שיל אַריין.

צו מנחה פון צווייטן טאָג ראש-השנה תש"ן האָבן די ניין יידן אין שיל נערוועיש געוואַרט אויפן צענטן, בשעת דער זייגער האָט געטאָן זיינס. יעדער איינער האָט געקוקט אויף זיין שכן מיט אַ ליידיקן בליק און שוין באַשלאָסן שטילערהייט, אַז מע וועט דאַרפן יעדערער דאַווענען פאַר זיך.

"מיר וועלן נאָך וואַרטן עטלעכע מינוט", האָט אונדזער פּרעזידענט געזאָגט. "אויב דער אייבערשטער וועט וועלן מיר זאָלן דאַווענען מיט אַ מנין, וועט ער אונדז שוין באַזאָרגן מיט אַ צענטן."

די ווערטער האָבן געהאַט אַ רויקע ווירקונג אויף די יידן. שטילערהייט איז מען געזעסן און געדולדיק געוואַרט אויף "עמיצן."

נאָך אַ צוויי-דריי מינוט מאַכט זיך אויף די טיר און עס קומט אַריין אַ ייד אין די פופציקער-זעכציקער יאָרן. דער דאָזיקער ייד איז אונדז אַלעמען אומבאַקאַנט.

"איך דריי זיך אַרום אין דער געגנט זוכן אַ שיל". זאָגט ער. "דאַנקען ג-ט וואָס איך האָב אייך געפונען. ס'איז דאָך יום-טוב!"

איך בין האַסטיק צוגעגאַנגען צום גאַסט מיט אַ האַרציקן "שנה טובה". כ'האָב געהאַלטן אין האַנט אַ מחזור און אים דורכגעבלעטערט בכדי כ'זאָל קענען ווייזן דעם גאַסט אַוו די תפילות געפינען זיך.

"מע דאַרף ניט", האָט דער גאַסט געזאָגט. "איך קען זייער גוט דאָס דאַווענען. כ'האָב אַ מאָל געלערנט אין ישיבה."

מיר האָבן זיך געשטעלט דאַווענען. נאָך די תפילות זענען מיר אַלע צוגעגאַנגען צום גאַסט מיט אונדזערע ברכות פאַר אַ גוט יאָר. איינער האָט דעם גאַסט פאַרבעטן צו זיך אויף דער יום-טובדיקער סעודה. דער גאַסט האָט זיך העפלעך אָפּגעזאָגט.

"קומט צו גיין נאָך אַ מאָל", האָט אַ צווייטער אים געבעטן. "ביי אונדז וועט איר תמיד זיין אַ טייערער גאַסט."

משה שקליאַר

# אונדזער טביה

## (דערציילונג).

שטיל, שטיל קלאַפּט דער האַמער און מיר דאַכט, אַז דער אָפּהילך פון די קלעפּ דערגייט זייער ווייט, כאָטש איך האַלט אים, דעם האַמער, שטאַרק פאַרקוועטשט אין מיינע שטייפע פינגער. צוזאַמען מיט דעם ווייטן אָפּהילך דערגייט צו מיר אויך אַ האַלב־באַקאַנטע, האַלב־אומבאַקאַנטע שטימע, גלייך זי וואָלט קומען פון הינטער די וואָלקנס, אָדער גאָר פון יענער זייט וואַלד. ביסלעכווייז ווערט מיר קלאָר — דאָס רעדט דער לערער זייד. איך דערקען בפירוש זיין קול — ווייך און אַ ביסל ווי הייזעריק:

־פּאָרזיכטיק, מאירקע — זאָגט ער מיט אַ שמייכל — קלאַפּ נישט אין די פינגער שטאָט אין די נעגל.

איך ענטפער נישט קיין וואָרט, בין פאַרנומען מיט מיין אַרבעט פּונקט ווי אַלע אַרום אינעם קלאַס. מיר גרייטן זיך צו דער שלום־עליכם אויסשטעלונג. באַלד וועלן מיר שוין פאַרטיק זיין מיט טביהס וואָגן און די מילך־קאַנען. אַ ביסל שוועריקייטן פאַרשאַפט דאָס צושלאָגן די רייפן צו די רעדער און פאַרפעסטיקן זיי אויף די אַקסן. אויך די כאַטע טביהס איז שוין כמעט אַרויסגעענדיקט. נאָך געבליבן אַרויפציען דעם דאַך מיטן קוימען. אין דער זייט שטייט שוין דער ברונעם און איבער אים, איינגעבויגן, טביהס טאָכטער האָדל, וואָס שטרעקט אויס איר האַנט צום עמער, אַ זילבערדיק גלאַנציקן און פול מיט וואַסער. טביה אַליין שטייט נעבן וואָגן מיטן בייטשל אין האַנט און טענהט זיך אויס מיט פערטשיקן, האָדלס באַשערטן.

לכתחילה האָט דער לערער זייד געוואָלט איך זאָל אויסקלעפּן פון ליים טביהס געשטאַלט, לויט דער צייכענונג אין אַ בוך וואָס ער האָט ספּעציעל געבראַכט פון ביבליאָטעק. אָבער מיר ווילט זיך בעסער אַרבעטן מיט ברעטער, האַמער און נעגל. עס פּאַסט מער פאַר אַ יינגל. אַזוי זאָגט מיין חבר "ישראליק מיטן קראָליק", און איך בין מסכים מיט אים. האָב איך געפּועלט ביים לערער ער זאָל מיך לאָזן אַרבעטן ביים וואָגן. דאָ פיל איך זיך ווי אַ פיש אין וואַסער, הגם ישראליק איז פלינקער מיטן האַמער ווי איך. גענוג פאַר אים צוויי, דריי קלעפּ און שוין איז דער נאָגל דאָרט וווּ ער באַדאַרף צו זיין. מיר נעמט עס אַ סך לענגער, נאָר דאָס פאַרקלענערט נישט אויף קיין האָר מיין שטאָלץ. איין זאַך בלויז ערגערט מיך: צוזאַמען מיט אונדז אַרבעט ביים וואָגן רויזעלע, און שוין עטלעכע וואָכן ווי מיר זענען מיט איר ברוגז. ווייזט אויס, אַז דער לערער זייד האָט עס באַמערקט און דערפאַר טאַקע האָט ער אונדז אַוועקגעשטעלט צוזאַמען אַרבעטן ביים וואָגן.

*

---

"איכ׳ל פּרווון", האָט ער געענטפערט, "אָבער איך ווייס ניט ווען." מיט דעם איז ער אַרויסגעגאַנגען פון שיל און איז אַוועק.

מיר דערנענטערן זיך ווידער צו די ימים־נוראים תשנ"א. קיינער פון אונדז קען ניט פאַרגעסן אונדזער פאַראַיאָריקן גאַסט ווען מיר האָבן מער ניט געזען. כאָטש מיר וואָלטן געוואָלט וויסן מער וועגן אים, איז טיף אין האַרצן ווייסן מיר אַלע ווער ער איז געווען.

עס איז געווען אַ וואַרעמער פרילינג־פרימאָרגן ווען מיר האָבן זיך אַלע, דער גאַנצער קלאַס, פאַרזאַמלט אינעם טראַוגוט־פּאַרק אויף מאַיאָווקע. פון דער זייט זענען די היגלען פונעם ציטאַדעל, דער פעסטונג וואָס איז איינגעהילט אין העל־גרויען טוי, וועלכער הייבט זיך ביסלעכווייז אַרויס איבערן גרין און טראָגט זיך אַוועק אַלץ העכער און העכער אַזש ביז צום הימל וואָס פאַרשלינגט אים אין זיין בלויקייט. פון אַהינטער די היגלען, ווו עס זענען פאַרגראָבן אומצאָליקע סודות און אומהיימלעכע שאָטנס וואַנדערן אַרום אין די לאַנגע אונטערערדישע קאָרידאָרן, דערטראָגט זיך אַ קיל ווינטל, וואָס קומט אַהערצו גלייך פונעם ווייסל־ברעג און דו קאָנסט פילן אויפן פּנים דעם פייכטן גלעט פון די גערונצלטע כוואַליעס.

חברה איז זיך צעלאָפן איבער אַלע ווינקלען פונעם גרויסן פּלאַץ. טייל שפּילן אין האַנטבאַל, אַנדערע אין "צווייִ פייערן" און גאָר אַנדערע שטייען אָדער זיצן גרופּנווייז און שמועסן. איך שטיי נעבן איינער אַ גרופּע, ווו דער אינסטרוקטאָר פון די יונגע באַראָכאָוויסטן רעדט וועגן די קיבוצים אין ארץ ישראל, וועגן קאַמף פאַר ערד אינעם אוראַלטן יידישן לאַנד. ער איז נישט לאַנג צוריק געקומען פון דאָרט. זיין פּנים איז פאַרברוינט פון דער הייסער ארץ ישראל זון, די אויגן וואָס אונטערן שאַרף־קאַנטיקן שטערן לייכטן, דאַכט זיך, מיט די שייטער־פייערן פונעם ביינאַכטיקן מדבר, און אויך זיין טיף־ברוסטיקע שטימע דערמאָנט אין יענעם ווייט־נאָענטן לאַנד. איך הער זיך צו ווי אַלע מיט גרויס אינטערעס, אָבער טראַכטן טראַכט איך גאָר וועגן עפּעס אַנדערש. פאַר מיינע אויגן שטייט איצט חייהלע שטילמאַן און איר ווייַנענדיקע מאַמע, איך זע די אַנגעוואָרפענע שטוב־חפצים אינעם הויף און ישראליק חזרט איבער אָן אויפהער: "עקסמיסיע... נאַרעלע, דו ווייסט נישט וואָס עס איז עקסמיסיע... עקסמיסיע... עקסמיסיע..." איך וויל שוין איבעררייסן דעם אינסטרוקטאָרס רייד און אים פרעגן וואָס איז מכוח קאַמף קעגן אומרעכט אָט־אָ־דאָ, ביי אונדז אין דער היים. וועגן דעם הער איך דייער אָפט רעדן אין מיין אָרגאַניזאַציע און איך ברען ממש מיט באַגער צו קעמפן... נאָר מיינע געדאַנקען רייסט איבער ישראליק.

מיין חבר האַלט אין האַנט אַ לאַנגן שטעקן און מאַכט מיט אים אומפאַרשטענדלעכע צייכנס אין מיין ריכטונג, דערביי ווינקט ער צו מיר מיט איין אויג. איך פאַרשטיי — ער רופט מיך. און אַז ישראליק רופט, דאַרף מען גיין. פאַרגעס איך שוין אינעם "יונגבאָר" — אינסטרוקטאָר, אין די ארץ ישראלדיקע קיבוצים, אינעם קאַמף פאַר ערד און אין קאָפּ אין דער היים, אויך דאָס בילד פון חייהלע שטילמאַן און איר ווייַנענדיקע מאַמע פאַרשווינדט ערגעץ צווישן די ביימער פונעם פּאַרק.

— מאירקע — זאָגט ישראליק מיט אַ שעלמישן שמייכל און ווייזט מיטן שטעקן אין דער ריכטונג ווו רויזעלע שטייט איינע אַליין אַ פאַרקלערטע, פאַרקוקט אין אַ פאַרביק זומער־פייגעלע, וואָס פלאַטערט אַרום צווישן די בלומען — מאירקע, לאָמיר זי אַ הייב טאָן...

איך טראַכט נישט קיין סך און לאָז זיך נאָך אים.

— דו גיי פאָרויס — זאָגט ישראליק — איך האַלט דעם שטעקן.

באַלד בין איך נעבן רויזעלען, און איידער וואָס ווען זע איך שוין דעם שטעקן צווישן אירע פיס, גיב אים אַ כאַפּ מיט ביידע הענט, פון הינטן ישראליק, פון פאָרנט איך, און מיר טראָגן רויזעלען אַרום דעם פּלאַץ, ווי אַ פּרינצעסין אין אַ קאַרעטע. אַלע אַרום קייכן פון געלעכטער און אונדזער פּרינצעסין שרייט, גוואַלדעוועט: "לאָזט מיך, לאָזט מיך, ווי שעמט איר זיך נישט!..." לסוף הייבט זי אָן וויינען.

איך האָב אָפּגעלאָזט דעם שטעקן. רויזעלע איז אַוועקגעלאָפן אין אַ זייט און נאָך לאַנג, לאַנג געוויינט. כ׳בין צוגעגאַנגען צו איר, געפּרוווט זי טרייסטן: ״ס׳איז דאָך נאָר אַ שפּאַס, רויזעלע...״ נאָר זי טרייבט מיך פון זיך: ״דו גיי שפּאַס מיט דיינס גלייכן. גיי אַוועק און רעד נישט מער צו מיר...״

הייסט עס — ברוגז.

נאָך וואָס, נאָך וואָס האָב איך זיך געלאָזט צורעדן?.. ישׂראליק האָט שטענדיק ווילדע איינפאַלן און איך האָב געדאַרפט טראַכטן דערוועגן פריער. אמת, ביי אונדז אין דער אָרגאַניזאַציע זאָגט מען, אַז אַלע זענען גלייך, יינגלעך, מיידלעך... אָבער דאָ איז דאָך עפּעס אַנדערש. אַ שטעקן צווישן די פּיס?! זי איז דאָך פאָרט אַ מיידל...

טעג און נעכט טראַכט איך וועגן רויזעלען, ווי אַזוי זי איבערבעטן. דערקלערן איר, אַז עס איז נישט מיין שולד, אַז דאָס האָט ישׂראליק פאַרטראַכט די גאַנצע גראַנדע און איך האָב זיך געלאָזט אין דעם אַריינציען קעגן מיין ווילן, איז סתם נישט שיין. ערשטנס, וועט עס פאַרמינערן מיין ווערט אין אירע אויגן, צווייטנס, וועט עס אויסזען ווי א מסירה. קיין ערגערע זאַך ווי מסרן איז גאָר אין לעבן נישטאָ. אַזוי לערנט מען אונדז אין דער אָרגאַניזאַציע. אין שול אויך. איז אפשר צוגיין צו איר פּראָסט און פשוט און זאָגן: ״זיי מיר מוחל, כ׳האָב אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט, נישט געטראַכט דערוועגן פריער. כ׳האָב דיר נישט געוואָלט ווי טאָן, רויזעלע, גלייב מיר, ערן וואָרט, כ׳האָב נישט געוואָלט...״ איז ווי וועט זיין, אַז זי וועט זיך אויסדרייען צו מיר מיטן רוקן און איבערחזרן די זעלבע ווערטער, ווי דעמאָלט אין פּאַרק: ״גיי אוועק, רעד נישט מער צו מיר...״

און מיר ווילט זיך גראָד רעדן צו איר. עפּעס זעט זי מיר איצט אויס, רויזעלע, שענער און קליגער ווי פריער. כ׳האָב קיין מאָל פריער נישט באַמערקט אין אירע אויגן דעם שטיפערישן און צומאָל אַרויסרופערישן גלאַנץ, וועלכן איר זע איצט, בעת איך וואַרף אויף איר באַהאַלטענע בליקן. און די קליינע עפּעלעך וואָס באַוועגן זיך הינטער דער בליוזקע, גלייך זיי וואָלטן וועלן אַרויסשפּרינגען פון דאָרט, זענען אויך נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. נישט אַלע מיידלעך אין קלאַס קאָנען זיך מיט דעם באַווייזן...

אויך די צעפּלעך זענען ביי איר איצט אויס אַנדערש ווי פריער. יעדן טאָג אַנדערע פאַרביקע בענדלעך אַריינגעפלאָכטן אין די האָר, און זיי וואַרפן זיך הין און צוריק גלייך זיי וואָלטן רופן צו זיך. בלויז מיך, און נישט קיין אַנדערן. איך זיץ אין קלאַס איין באַנק הינטער רויזעלען און מיר ווילט זיך אָפט אויסשטרעקן די האַנט, אַ שפּיל טאָן זיך מיט די צעפּלעך, אַראָפּרייסן אַ בענדל און באַהאַלטן עס פאַר אַן אָנדענק. נאָר באַלד כאַפּ איך זיך: מער וואָלט מיר נישט געפעלט. נאָכן שטעקן — אַ בענדל...

ביסלעכווייז הייבט זיך מיר אָן אויסדאַכטן, אַז איך בין גאָר פאַרליבט אין רויזעלען. און מיר ווילט זיך איר זאָגן וועגן דעם. אָבער ווי אַזוי? סתם צוגיין צו איר און זאָגן: ״רויזעלע, איך האָב דיך ליב״ — וועט זי זיך אוודאי אויסלאַכן. און חוץ דעם איז זי דאָך ברוגז מיט מיר. פאַרלייגן איר מיין הילף אין דער אַרבעט ביים וואָגן, וועט זי מיינען אַז איך וויל זיך אונטערחנפענען, איז ווידער נישט גוט. וואָס זשע טוט מען, וואָס טוט מען? פאַרטרויען זיך פאַר עמיצן, זוכן אַן עצה? אָ, דאָס נישט! נאָר נישט דאָס...

גיי איך אַרום און רעד צו זיך אַליין. דאָס הייסט, אייגנטלעך רעד איך צו רויזעלען, נאָר זי איז ערגעץ ווייט און הערט נישט מיינע רייד. טשיקאַווע, ווען זי וואָלט זיי געהערט, וואָס וואָלט זי געענטפערט?

— רויזעלע — זאָג איך — פון זינט דו ביסט ברוגז געוואָרן מיט מיר האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דו ביסט אַנדערש פון די איבעריקע מיידלעך. דו ביסט אַזאַ שטאָלצע, אַ קלוגע און שענער פון אַלע אַנדערע. פריער האָב איך עס גאָר נישט באַמערקט... ווען איך

קוק אויף דיר אין קלאַס, צי אין גאַס, ווען מיר גייען אַ היים פון שול, נעמט מיין האַרץ קלאַפּן האַסטיקער, גלייך אָט, אָט וועט עס אַרויספליען פון ברוסט. פאַרשטייסט? איך האָב דיך ליב, רויזעלע...

נאָך אַזאַ אריינפיר נעם איך זי פאַר דער האַנט און מיר ווערט אַזוי וואַרעם, גוט אויפן האַרצן. מיר שפּאַצירן צוזאַמען דורך די רוישיקע גאַסן, נאָר מיר זעען נישט קיינעם און קיינער זעט אונדז נישט. בלויז איך און רויזעלע. און אָט איז די שטאָט הינטער אונדז, גרינע פעלדער און וועלדער קומען אונדז אַנטקעגן, אַ רויטע זון צינדט אָן דעם האָריזאָנט און זעצט זיך פּאַמעלעך הינטער דיביימער־קרוינען. איך קוק אויף רויזעלען און זע ווי די רויטקייט שפּיגלט זיך אין איר פּנים. דריק איך שטאַרקער איר האַנט און פאַרפרעס מיינע ליפּן אויף דער רויטקייט, נאָר פּלוצעם דערפיל איך אַ פייכטקייט אויף רויזעלעס באַקן. פון אירע גרויסע ברוינע אויגן רינען טרערן.

— דו וויינסט, רויזעלע, פאַרוואָס?

— איך ווייס אַליין נישט — זאָגט זי. — עס איז מיר אַזוי גוט. כ׳וואָלט וועלן אַז שטענדיק זאָל אַזוי זיין...

איך וואָלט אויך וועלן. נאָר דאָס זענען בלויז חלומות.

*

אין גרויסן שול־זאַל, ווו מיר פאַרברענגען בעת די פויזעס צווישן איין לעקציע און דער צווייטער, שטייט אין אַ ווינקל ביי דער וואַנט נעבן פענצטער אונדזער "קאָאָפּעראַטיוו" — אַ לאַנגער טיש און אויף אים: העפטן, בלייפעדערס, פאַרבן און פענדזלס, מעקערס, צייכן־פּאַפּיר, פעדער־האַלטערס, סטאַלקעס און אַנדערע נייטיקע קלייניקייטן. יעדן טאָג איז עמיץ אַנדערש דעזשורנע־פאַרקויפער. איך ווייס — היינט איז רויזעלעס ריי, איר נאָמען איז אויף דער רשימה וואָס איז אַרויסגעהאָנגען ביים אַריינגאַנג אין זאַל. איז גוט, איך וועל קויפן אַ בלייפעדער. דאַרפן, דאַרף איך עס נישט, איך האָב אַ פּיורניק מיט פאַרשיידן־קאָלירקע בלייפעדערס, אָבער עס וועט זיין אַ געלעגנהייט אויסצורעדן כאָטש אַ פּאָר ווערטער מיט מיין ברוגזער חברטע ווייל ווען איך הער נישט אויף טראַכטן בייטאָג און ביינאַכט. אויב נישט אַ פּאָר ווערטער, איז כאָטש איין וואָרט. אפשר וועט זי צו מיר אַ שמייכל טאָן...

שטיי איך אין דער ריי צום "קאָאָפּעראַטיוו" און קאָן זיך נישט דערוואַרטן. עפּעס איז היינט די ריי לענגער ווי שטענדיק. אַלעמען האָט זיך גראָד היינט פאַרוואָלט קויפן. און עס דויערט אַזוי לאַנג. וואָס מער איך דערנענטער זיך צום טיש מיט דער אויסגעלייגטער "סחורה", אַלץ האַסטיקער נעמט קלאַפּן מיין האַרץ. צייל איך דערווייל די עטלעכע גראָשנס וואָס אין קעשענע ביי מיר ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל, גלייך דאָס וואָלט מיך געקאָנט באַרויקן. איך ווייס, אַז כ׳האָב דאָרט פינף איינצלנע גראָשנס און דאָס איז אַקוראַט וואָס איך דאַרף אויף צו קויפן די בלייפעדער, און דאָך הער איך נישט אויף צו ציילן.

ענדלעך זיך דערוואַרט. בלויז איין קויפער איז פאַר מיר, און נאָך אים בלייב איך אַליין, אויג אויף אויג מיט רויזעלען. יענער האַלט אָבער אין איין איבערקלייבן. דאָ געפעלט אים נישט דער העפט, וואָס רויזעלע האָט אים דערלאַנגט, דאָ וויל ער אַנדערע פאַרבן. רויזעלע האָט מיך, דאַכט זיך, באַמערקט הינטער די פּלייצעס פון איר קונה, און איך זע ווי זי רויטלט זיך. און אפשר דאַכט זיך מיר בלויז אַזוי. אויך מיר ווערט הייס אין אַלע אברים. פּלוצעם גיט זי זיך אַ בויג איבער דעם טיש און אירע צעפּלעך פאַרוואַרפן זיך אויף פאָרויס. פאַר מיר אַנטפּלעקט זיך איר לאַנגער האַלדז און אויף אים — גרויע,

זיגזאַגיקע ליניעס מיט שוואַרצע פּינטעלעך ווי אין אַ נעץ. איר האַלד איז שמוציק, נישט געוואַשן... רויזעלעס האַלדז איז שמוציק! ווײ, ווײ... און דאָס איז דאָס זעלבע מיידל וואָס האָט באַהערשט אַלע מיינע געדאַנקען זינט זי איז ברוגז געוואָרן מיט מיר...

אַ קאַלטער שווייס באַדעקט מיך פון קאָפּ ביז די פיס. אויס רויזעלע, אויס ליבע. ווי קאָן זיין ליבע צו אַ נישט געוואַשענעם האַלדז... און בכלל, זי פּאַרדרייסט צו פיל איר נאָז, רויזעלע. ווי האָב איך עס פריער נישט באַמערקט? איינס און צוויי גיב איך זיך אַ קער אַוועק פונעם "קאָאָפּעראַטיוו" טיש, ווי בגנבה, און באַהאַלט זיך ערגעץ אין אַ ווינקל מיט מיינע אומרואיקע געדאַנקען. פון דער ווייטנס אָבסערוויר איך נאָך אַלץ רויזעלען און זע ווי אירע אויגן וואַנדערן אַרום איבערן זאַל. זי זוכט מיך אוודאי, נאָר פאַר מיר עקזיסטירט זי נישט מער. געווען אַ רויזעלע און נישטאָ מער, איך פיל ווי אַ שטיין וואָלט מיר אַראָפּ פון האַרצן.

*

די צוגרייטונגען צו דער שלום־עליכם אויסשטעלונג זענען שוין פון לאַנג פאַרענדיקט. מיר האָבן אָוועקגעשיקט אונדזערע עקספּאָנאַטן אין דער שול־צענטראַלע און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף אַן ענטפער צי מען האט זיי אָנגענומען, צי נישט; צי מען וועט זיי ווייזן אויף דער אויסשטעלונג, אונדזערע עקספּאָנאַטן, איבער וועלכע מיר האָבן אַזוי שווער געאַרבעט. לאַנג געוואַרט און לסוף זיך דערוואַרט. דער לערער זייד איז היינט אַריין אין קלאַס מער אויפגעלייגט ווי שטענדיק. אויף זיין פּנים איז געלעגן אַ צופרידענער שמייכל, און נאָך איידער ער האָט אויסגערופן אונדזערע נעמען פונעם קלאַס־זשורנאַל, כדי קאָנטראָלירן צי אַלע זענען אָנוועזנדיק, האָט ער ווי געמאָלדן:

—קינדער, אונדזער טביה איז אָנגענומען געוואָרן.

מיר האָבן געענטפערט מיט אַ הורא. דער לערער האָט אונדז באַרואיקט און דערקלערט, אַז די אויסשטעלונג וועט זיך עפענען אין אייניקע וואָכן אַרום און צו דער דערעפענונג וועלן מיר גיין אַלע צוזאַמען.

*

דורכן גלעזערנעם דאַך וואָס באַדעקט דעם לאַנגן הויף שיינט אַריין ווי דורך אַ וואָל די פרי־ווינטערדיקע זון און איר אָפּשיין וואַרפט בלוליכע שאָטנס אויף די ווענט. אין דרויסן פאַלט אַ שניי, נאָר דאָ פילט מען נישט די קעלט, דאָך טופען מיר מיט די פיס כדי זיך דערוואַרעמען. ביז מען וועט עפענען דעם אויסשטעלונג־זאַל און אַריינלאָזן די פאַרזאַמלטע אין הויף וועט נאָך נעמען אַ שטיקל צייט. שטייען מיר, אַלע קינדער פון אונדזער קלאַס, אויסגעשטעלט אין צווייען נעבן דער וואַנט און וואַרטן מיט אומגעדולד. אַנטקעגן אונדז, ביי דער צווייטער וואַנט, שטייען שילער פון דער מעדעם־שול. אויך זיי וואַרטן מיט אומגעדולד. צווישן אונדז איז אַן עולם דערוואַקסענע. מען שטופּט זיך אַ הער און אַ הין, יעדער וויל זיין דער ערשטער ביים אַריינגאַנג. וואָס שטופּן זיי זיך אַזוי — טראַכט איך — די באַן גייט דאָך נישט אַוועק...

דערווייל דערהערט זיך פון יענער זייט, ווו עס שטייען די שילער פון דער מעדעם־שול, אַ הילכיק געזאַנג. די ווערטער פונעם שול־הימען צעטראָגן זיך אין אַלע זייטן הויף און גרייכן אַזש צום גלעזערנעם דאַך און ווייטער, דאַכט זיך, אַזש ביז צו דער זון:

נישט פון גאָלד איז די יידישע שול,
אונדזער שול, אונדזער שול!
נאָר ווי גאָלד איז די פּראַכט, וואָס פאַרבלענדט
אונדזער שול, אונדזער שול.

מיר כאַפּן אונטער דאָס געזאַנג. איז עס דאָך אונדזער שול־הימען גלייך ווי זייערער. נאָר ווען עס קומט צום רעפריין, הייבט זיך אָן אַ קריגערײַ. יענע זינגען:

ווײַל די שול, אונדזער שול,
ווײַל די שול, אונדזער שול,
איז די אַרבעטער־שול.

און מיר:

ווײַל די שול, באָראָכאָוו־שול,
ווײַל די שול, באָראָכאָוו־שול,
איז די אַרבעטער־שול.

אַן אונטערשייד אין איין וואָרט בלויז — "אונדזער" שול און "באָכראָכאָוו" שול, נאָר יעדן פֿון אונדז דאַכט זיך, אַז צווישן די דאָזיקע ווערטער ליגט אַ תהום נישט צום אַריבערשפּרינגען. "אונדזער" שול — דאָס איז זייער שול, די בונדישע. "באָראָכאָוו" שול — דאָס איז אונדזערע, פֿון פּועלי ציון... גענוי דעם אונטערשייד צווישן בונד און פּועלי ציון ווייסן מיר נישט. אונדז איז גענוג, אַז בונד איז קעגן פּאַלעסטינע, און מיר זענען — פֿאַר. פּרוּוון מיר איבערשרייען איינע די אַנדערע: אונדזער שול! באָראָכאָוו שול! אונדזער שול! באָראָכאָוו שול!...

אַזוי שרייענדיק, קוק איך זיך איבער מיט מײַן חבר "ישראליק מיטן קראָליק". דאַכט זיך, אַז מיר טראַכטן ביידע דאָס זעלבע: נאָך וואָס דאָס געשריי? מיר האָבן דאָך שוין מיט אַ צייט צוריק זיך אויסגעשריבן פֿון די באָראָכאָוויסטן און אַוועק צו דער אמתער פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע וואָס קעמפֿט פֿאַר רעוואָלוציע. וואָס אַרט עס דען אונדז, וואָס גייט עס אונדז אָן דער גאַנצער טומל? און דאָך זינגען מיר מיט, און דאָך שרייען מיר. איך פֿיל עפּעס אַ מאָדנע וואַרעמקייט ווען איך רוף אויס אין כאָר — "ווײַל די שול, באָראָכאָוו־שול, איז די אַרבעטער־שול"... ישראליק פֿילט אוודאי דאָס זעלבע. עס איז דאָך אונדזער שול וועגן וועלכער מיר זינגען; אונדזערע לערערס וואָס ווייזן אונדז אַרויס אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט; די יאָרן פֿאַרבאַרכטע צוזאַמען. יענע, די שילער פֿון דער מעדעם־שול פֿילן אויך מסתמא דאָס זעלבע.

דאָס געזאַנג ווערט איבערגעריסן ווען די טירן פֿונעם אויסשטעלונג־זאַל עפֿענען זיך און דער עולם, ווי אַ כוואַליע, גיט זיך אַ וויג אין יענער ריכטונג. ביים אַרײַנגאַנג שטייען צוויי אָרדנער און זיי פֿאַרהאַלטן דעם עולם.

— צווערשט די קינדער — זאָגט איינער פֿון זיי.

באַלד עפֿנט זיך אַ שמאָלער קאָרידאָר און מען לאָזט אונדז דורך. אַ ליכטיקייט צוזאַמען מיט אַ געמיטלעכער וואַרעמקייט גיט אַ שלאָג אין פּנים ווען איך טרעט אַריבער די שוועל. אויף דער וואַנט אַנטקעגן איבער דעם אַרײַנגאַנג, הענגט אַ גרויסער פּאָרטרעט פֿון שלום־עליכם און זיינע שמייכלענדיקע אויגן באַגריסן, דאַכט זיך, יעדן איינעם וואָס דערנענטערט זיך צו אים. אין צענטער, אויף אַ ברייטן טיש, שטייט אונדזער טביה מיטן וואָגן און פֿערד, מיט דער כאַטע און ברונעם, און דערנעבן האָדל מיט פּערטשיקן, און גאָלדע סערדצע קוקט אַרויס דורכן קליינעם פֿענצטערל — אַלץ אַזוי ווי מיר האָבן אויסגעקלעפּט און אויסגעהאַמערט אין שול. אויף די ווענט — פֿאַרשיידענע צייכענונגען און בילדער געמאָלן דורך קינדער פֿון אַנדערע שולן. אָט איז מנחם מענדל מיט אַ קאַפּעליוש אויפֿן קאָפּ און אַ שירעם אין האַנט; אָט איז סטעמפּעניו מיט זיין קאַפּעליע; און אָט איז דער פֿאַרכישופֿטער שניידער שמעון — עליע שמע קולני מיט דער ציג וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אין קאָזאָדאָיעווקע...

איך גיי אַרום פֿון איין וואַנט צו דער צווייטער און קאָן נישט אָפּרייסן די אויגן פֿון די פֿאַרביקע מאָלערייען וואָס דערציילן וועגן אַ נאָענט־ווייטער וועלט פֿון וועלכער איך בין

אַ טייל, וועלכע איז מיר אייגן פונקט ווי מיין שטוב, ווי מיין הויף, ווי מיין גאַס, ווי מיין שול. פון גרויסן זאַל פאַרבלאָנדזשע איך אין אַ זייטיקן, קלענערן זאַל, אַ ביסל אַ פאַרטונקלטן, ווו אויף דער פאָדליגע איז אויסגעמאָלן אַ בלויער טייך און אין אים איז אַ יינגל מיט אַ קיילעכדיק היטל און שמאָלן דאַשעק אויפן קאָפּ, ער האַלט אין איין בײדע הענט זיין העמד און... כאַפּט פיש. אַהאַ, איך האָב אים גלייך דערקענט — מאָטל פּייסי דעם חזנס. באַגעגנט מאָטלען, קאָן איך זיך נישט איינהאַלטן און גיב אים אַ פרעג:

— מאָטל, ווו איז דיין ברודער עליע?

איך זע בפירוש ווי ער קערט אָפּ דעם קאָפּ אין מיין זייט, קוקט אויף מיר אַ ווײלע פאַרחידושט און ענטפערט מיט אַ שטיפערישן שמייכל:

— עליע? ער מאַכט טינט...

— און איך האָב געמיינט, אַז ער דאַרף דאָ זיין מיט דיר.

— יאָ, ער איז געווען, עליע. געוויזן מיר ווי צו כאַפּן פיש און איז אַוועק. פון זינט מיר זענען געוואָרן יתומים איז ער שטענדיק פאַרנומען. און איך בין אויך פאַרנומען.

נאָך די לעצטע ווערטער דרייט ער זיך צוריק אויס, מאָטל, און מאַכט עטלעכע טריט טיפער אינעם וואַסער. נאָר איך לאָזט נישט אָפּ:

— מאָטל, איז דיר טאַקע גוט וואָס דו ביסט אַ יותם? אָט איז מיין מאַמע געשטאָרבן נישט לאַנג צוריק, און איך קאָן מיר קיין אָרט נישט געפינען. מיר איז אַזוי שלעכט, מאָטל.

— און דו מיינסט טאַקע, אַז מיר איז גוט? — זאָגט מאָטל און דרייט אַפילו נישט אויס דעם קאָפּ אין מיין ריכטונג. מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט אַ פיר געטאָן מיט דער נאַסער האַנט איבער די אויגן גלייך ער וואָלט וועלן אויסווישן אַ טרער.

וויל איך אים מער נישט ערגערן, מאָטלען. פונעם בלויען טייך גיי איך אַריבער גלייך קיין כתרילעווקע מיט די קליינע הייזקעס און קרומע דעכער, ווו יידענעס, איינגעהילטע אין פאַטשיילעס זיצן אויף פריזבעס און שמועסן צווישן זיך, און אויף די שמאָלע גאַסן שטייען גרופּנווייז יידן אין שוואַרצע רעקלעך און אַרויסטאַרטשענדיקע ציצית, פאָכענדיק מיט די הענט. אויפן ווייטן האָריזאָנט הענגט אַ רויטע זון וואָס האַלט זיך שוין אין זעצן אונטער די גרינע בלעטער פון אַן איינזאַמען בוים.

דורכגעגאַנגען אַלע זאַלן, דערנענטער איך זיך צום אַרויסגאַנג, אונטערברומענדיק פאַר זיך אַליין די ווערטער פונעם שול־הימען: נישט פון גאָלד איז די יידישע שול, נאָר ווי גאָלד איז די פראַכט וואָס פאַרבלענדט אונדזער שול... פלוצעם דערפיל איך ווי עמיצער רירט אָן מיין אָרעם. איך גיב זיך אַ קער אין דער זייט און... נעבן מיר איז רויזעלע.

— האָסט געזען, מאירקע — זאָגט זי מיט שטאָלץ — אונדזער טביה שטייט אין סאַמע צענטער.

— יאָ — ענטפער איך — אין סאַמע צענטער. — און גיי ווייטער מיין וועג.

## "גאָלדענע פאַרנאַכטן" פון ריווע יאָניש אַרויס פון דרוק

ס'איז נאָר וואָס אַרויס פון דרוק "גאָלדענע פאַרנאַכטן" (לידער), דאָס צווייטע בוך פון דער באַוווּסטער שול — און קולטור־טוערין ריווע יאָניש ע"ה. (דאָס ערשטע בוך אירס, "געסט", האָט בשעתּו געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.) "גאָלדענע פאַרנאַכטן" איז געדרוקט געוואָרן אין תּל־אָביב, סע האַלט כּמעט 150 זײַטלעך און איז אײַנגעבונדן אין האַרטע טאָוולען. דער פּרײַז איז 15 דאָלאַר פּלוס 2 דאָלאַר פּאַק־און פּאָסט־געלט. מיט גאַשטעלונגען זיך ווענדן צום זון:

Herbert T. Yonish, 926 Sunrise Highway, West Babylon, NY 11704 - (516) 422-1040

גרוניאַ קאַהן / מאָנטרעאַל

## דערמאָנונגען

איך האָב באַזוכט מיין אַלטע "היים"
וואָס איז פון אונדזער הויז פאַרבליבן?
אַפילו נישט קיין שערבעלעך
מיט וועלכע קינדער פלעגן שפּילן.

איך האָב געזוכט אַ שפּור פון די,
וואָס זענען ליב געווען און טייער,
און זיך דערוווסט דעם גרויסן בראָך:
"פאַרברענט, פאַרניכטעט, אין פלאַם פון פייער"

דאָס אַש פון זיי איז נישט פאַרבליבן,
ס'איז טייער מיר דאָס אַש פון יעדן
און בלויז אַ פידעלע פון סטעפאַנס הויז
אַרויסגעקוקט מיט בענקשאַפט גרויס

און זיך באַקלאָגט און זיך צעוויינט,
און יעדע סטרונע האָט געכליפּעט.
געבלוטיקט האָט מיין ביטער האַרץ,
און יעדער גראָז האָט שטיל געציטערט...

## אַ וווּנדער־פויגל

ס'האָט אין שטייג אַ וווּנדער־פויגל
שטיל דעם גאַנצן טאָג געטרויערט
נישט געגעסן, נישט געטרונקען,
נישט זיין פרילינג־ליד געזונגען

און אַראָפּגעלאָזט די פליגלען,
זיצט דער שטאָלצער וווּנדער־פויגל
און צוויי הייסע, ריינע טרערן
פליסן פון דעם פויגלס אויגן.

ס'האָט אַ יונג דעם וווּנדער־פויגל
פרי־פאַרטאָג אין וואַלד געפאַנגען
און פון בענקשאַפט איז אין שטייג
דער וווּנדער־פויגל אויסגעגאַנגען.

## וויג־ליד

שלאָף, מיין קינד, מיין זון, מיין ליכטיק,
שלאָף, מיין טרייסט, מיין קרוין.
גאָט וועט, קינד מיינס, דיך באַשיצן,
וווּ דו זאָלסט ניט זיין.

ישראל גובקין

# שורות צו אברהם שולמאַן

## וועגן קריסטלעכקייט אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור

חשובער אברהם שולמאַן:

איך שרייב איך דאָ אין שייכות מיט אייער מיינונג וועגן ה. לייוויקן לויט אייער אַרטיקל אין "פאָרווערטס" איבער חנן קיעלס בוך "אין ווינט פון זיכּרון".

צווישן אַנדערס זעט איר אַ קריסטלעכע השפּעה — די קריסטאָלאָגישע דאָגמע פון ישוס רעסורעקציע — אין די ווערטער פון "אייביק": "איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער".

לכאורה, קען זיך אויסווייזן, אַז די ווערטער האָבן אַ שייכות מיטן יידישן גלויבן פון תחית־המתים, אָבער די ווערטער: "איך הייב זיך אויף "ווידער" און שפּאַן אוועק "ווייטער" קלינגען מער פונדאַמענטאַל — קריסטלעך ווי: טראַדיציאָנעל — יידיש. ס׳איז דאָ אַ גרונט אַזוי צו פילן. יידן וואָס וועלן אויפשטיין תּחית־המתים וועלן ניט "אַוועק שפּאַנען ווייטער", ווי אותו האיש זאָל האָבן געטאָן... לויט אַ יידישן פאָלקס — גלויבן וועלן זיי זיך קייקלען — ווען משיח וועט קומען — דורך אונטערערדישע היילן קיין ירושלים ווו דער דריטער בית־המיקדש וועט אויפגעבויט ווערן, קיינמאָל מער ניט חרוב צו ווערן; נאָר צדיקים גמורים וועלן דורך אַ נס ניצול ווערן פון די יסורים פון גילגול־מחילות, דאָס קייקלען זיך דורך אונטערדישע היילן.

לייוויק, וואָס איז, ווי סע זעט אויס, באַיינפלוסט געוואָרן פון ברית־חדשה, ווען ער האָט געלעבט אין דער סיבירער קריסטלעכער סביבה, איז ניט דער איינציקער אין אונדזער ליטעראַטור אויףביידע שפּראַכן מושפע צו ווערן לינגוויסטיש אָדער טעאָלאָגיש פון קריסטלעכע באַגריפן אָדער מעטאַפאָרן.

---

שלאָף, מיין מלאך, שלאָף, מיין גוטער,
רו זיך אויס, לו־לו
ביסט מיין גליק, מיין פרייד, מיין נחת,
אַלץ פאר מיר ביסטו.

ס׳זינגט דיין מאַמע, ביי דיין וויגל,
לו־לו, שלאָף מיין קינד
ביסט מיין אוצר, ביסט מיין לעבן,
זאָלסט מיר זיין געזונט.

דו וועסט אויסוואַקסן, מיין ליבער,
מיטן קלאַנג פון מיינע לידער
און אין אַלע דיינע וועגן,
זאָל מיין ליד דיך, זון, באַגלייטן
לו־לינקי, לו־לו.
שלאָף, מיין קינד, לו־לו.

יצחק קאַהאַן/ מעלבורן

# מיניאַטורן

פּיאָטר פּאַלעווסקי איז וויצע־דירעקטאָר פון גאָרקי־אינסטיטוט פאַר דער וועלט־ליטעראַטור. זיין ראָל איז אויפצוהיטן דאָס היסטאָריש־רוסישע פון דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער קולטור, ווי זי איז פאַרקערפּערט אין דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור, מחמת דאָס האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר אונדזער קולטורעלער צוקונפט. וועגן דער מערב־וועלט האָט ער באַמערקט: דער מערב לעבט אונטער אַ פּלוראַליסטישן סיסטעם — דער איז גערעכט, און דער איז גערעכט און אויך דער איז גערעכט. מיר, אין ראַטן־פאַרבאַנד לעבן מיט דעם איינשטעל, אַז ס׳איז נאָר דאָ איין ריכטיקער וועג און מיר קוקן צו אָט דעם וועג...

רעדנדיק אויף אַ סעסיע פון אַלרוסישן שרייבער־פאַראיין האָט פּיאָטר פּאַלעווסקי געהאַט אַ בקשה צו פּרעזערווירן די רוסישע קלאַסיקערס. ער גופא, האט גארנישט געזאָגט וואָס מע זאָל קענען אויסטייטשן אַלס אנטיסעמיטיש. ער האָט נאָר באַדויערט די עקספּערימענטאַלע אויפפירונגען פון טשעכאוון, גאָגאָלן און אנדערע. ער האָט קריטיקירט די דירעקטאָרן מיט די ווערטער: ״ווי לאַנג וועלן מיר זיך צוהערן צו די דאָזיקע פאָלקסאַקטיאָרן. פּראָפעסאָרן? ווי לאַנג וועלן מיר קומען צו אַזעלכע פארשטעלונגען?.

אויף דעם מיטינג זענען געווען אַ טויזנט מענטשן און פּאַלעווסקיס באַמערקונגען האָבן אַרויסגערופן אזעלכע ענטפערס וואס האָבן אויסגעטיילט די יידישע דירעקטאָרן, וועלכע זענען געוואָרן אַטאַקירט. דער דירעקטאָר, אַנאַטאָלי עפראָס, אַ ייד, האָט זיך אויפגעשטעלט צו רעדן, דערציילנדיק פון אַן אַנאָנימען בריוול וואָס ער האָט באַקומען מיט אַזאַ צושריפט: ״אָרגאַניזיר דיין אייגענעם נאַציאָנאַלן טעאַטער און דאָרטן ווערסטו

---

ניט רעדנדיק פון שלום אַשן מיט זיינע קריסטאָלאָגישע נאָוועלעס, פאַר וועלכע ער איז בשעתו שטארק פארדמט געוואָרן האָבן אויך אַנדערע יידישע און העברעישע פּאָעטן און פּראָזאַיקער געהאַט קריסטלעכע שטימונגען־אויב ניט איבערצייגונגען־וואָס זיינען געקומען צום אויסדרוק אין זייערע שאַפונגען. זלמן שניאורס פּאָעמע ״דאָן זשואַן״, געדרוקט געוואָרן אין ״צוקונפט״ אין די פערציקער יאָרן, האָט אַ שטאַרקן קריסטלעכן אָפּקלאַנג. א. קאַבאַקס העברעישע נאָוועלע ״במשעול הצר״ (די שמאָלע סטעזשקע) איז פונקט אַזוי קריסטאָלאָגיש ווי אַשס ״דער מאַן פון נצרת״; אויך י.ח. ברענער, ועמען אחד־העם האָט געטאַדלט פאַר זיינע קריסטלעכע שטימונגען, א.א.

איך האָב וועגן שניאורס ״דאָן זשואַן״ און קאַבאַקס ״במשעול הצר״ געשריבן בשעתם אין העברעאישן ״הדואר״, רעדאַקציע מנחם ריבאלאָוו. כ׳האָב אָנגעוויזן אויף די סכּנות פון אַזאַ מין שרייבן, וואָס ווערט אויסגענוצט דורך מיסיאָנערן פאַר זייערע שמד־טעטיקייטן. כ׳האָב דערפאַר געקראָגן פון שניאורן, די ריכטיקע פּאָרציע, ווי ער פלעגט זיך נוהג זיין ווען אימיצער האָט געוואַגט אים אָנצורירן...

היוצא מדברינו, חשובער אברהם שולמאַן, אייער מיינונג וועגן ״אייביק״, לויט די אויבן דערמאָנטע ווערטער, איז ניט אומבאַגרינדעט אָדער אומגערעכט. מיטן גאַנצן יראת־הכּבוד פאַר לייוויקן פילט זיך אַ קריסטלעכע השפּעה אין ״אייביק״.

סע קומט אייך אַ יישר־כּוח פאַר אייער וואַגן זיך אַרויס צו זאָגן ווי איר טראַכט און ווי איר פילט.

קענען צעקאַלעטשען לויט דיין ווילן די רוסישע קלאַסיקערס". איין שרייבער האָט ציטירט אין רוסיש שלום-עליכמען און קאָמענטירט: "אין די ציטאַטן איז נאָר פּראָן שלעכטס, נישט טראַגעדיע, מחמת עס איז אין זיי נישטאָ קיין ריינקייט. אין דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור איז קיין מאָל נישט געווען אַזאַ מין זאַך ווי שלום-עליכם, און ס'קען גאָר נישט זיין".

ווי באַקאַנט, איז אין דער מערב-וועלט גאָר שטאַרק קענטיק דער פּלוראַליזם, אָבער אויפן סאָוועטישן באָדן איז דאָ אַ קעגנערשאַפט צום פּלוראַליזם. דאָס קומט צום אויסדרוק אין די מימעאָגראַפישע פּאַמפלעטן, וואָס ווערן פאַרשפּרייט דורך אַ "רוסישער באפרייאונגס-באַוועגונג". די פּאַמפלעטן זענען געשיקט געוואָרן צו די פּאָסטקעסטלעך פון אַפּאַרטמענט-הייזער. אין זיי ווערט געזאָגט, אַז דער פּאָליטביוראָ איז באַהערשט געוואָרן דורך די ציוניסטן און אַז לעאָניד ברעזשניעוו איז געשטאַנען בראש פון אַלע ציוניסטן".

דייוויד שיפּלער, דער קאָרעספּאָנדענט פון ניו-יאָרק טיימז אין מאָסקווע (דורך די יאָרן 1975 — 1979), האָט דערציילט, אַז בעת אין געריכט איז פאָרגעקומען אַנאַטאָלי שאַראַנסקיס פּראָצעס, האָט ער באַמערקט צווישן אנדערע, איינעם וועמען ער האָט געקענט ווי אַן עקסטרעמען רוסיפיציסט און אַנטיסעמיט. ער האָט געשריבן אונטערן פען-נאָמען מאַליוטא סקוראַטאָוו, וואָס איז געווען דער שעף פון איוואַן גראָזניס געהיים-פּאָליציי אין זעכצנטן יאָרהונדערט.

זיין בייזיין אין דעם געריכטזאַל איז פאַרן קאָרעספּאָנדענט געווען אויפפאַלנדיק און זיין דערקלערונג איז געווען, אַז ער איז געקומען אין געריכט צו פאַרטיידיקן שאַראַנסקין, מחמת "מיר שטיצן די עמיגראַציע-באַוועגונג. מיר האַלטן אַז אַלע יידן דאַרפן פאַרלאָזן רוסלאַנד".

רוסיצזם אַלס קעגנזאַץ צו פּלוראַליזם, וואָרצלט טיף אינעם רוסישן באָדן. לעאָניד באָראָדין, אַ רוסיפיציסט, אָבער נישט אַזאַ פאַנאַטיקער ווי אַנדערע רוסיפיציסטן, האָט דעם ענין אַזוי באַצייכנט: היינט, אין אונדזערע באַדינגונגען, ווערן געהאַלטן אין אַ באַלאַנסירטער פּאָזיטיווקייט אַלע קלאַסן, גרופּן, וועלכע ווערן רעגירט דורך אונדזערע מאַכטאָרגאַנען. אָבער ווען מיר וואָלטן נאָר געהערט איין לאָזונג — וואָס וואָלט דאַן געשען? אַנאַרכיע.

דייוויד שיפּלער האָט אין יענע יאָרן געמאַכט אַזאַ באַמערקונג: צווישן אַלע אימפּרעסיעס וואָס כ'האָב געהאַט אין רוסלאַנד (אין די 1970 ער יאָרן), האָט זיך ביי מיר געשאַפן דער איינדרוק וואָס עס איז צענטראַל אין לאַנד, ביים וועלן פאַרשטיין די סאָוועטישע געזעלשאַפט — טריישאַפט צו אויטאָריטעטן אויס מורא פאַרן כאַאָס. אָט די מורא גייט אונטערן לאָזונג: צווישן אָרדענונג און אַנאַרכיע. ער דערמאָנט זיינס אַ שמועס אין מאָסקווע מיט איינעם פון די ליבעראַלן, אַ מאַטעמאַטיקער, וואַלענטין טורשין, אַ פריינד פון סאַכאַראָוון. ער האָט עמיגרירט און לעבט היינט אין ניו-יאָרק. טורשין האָט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט צו דעמאָקראַטיזירן רוסלאַנד, אָבער שטופנווייז. אַפילו ביים פאַרטיידיקן רעפאָרמען, האט ער געזען אַ געפאַר פאַר אַ פּלוצעמדיקער דעמאָקראַטיזאַציע: "קיינער איז נישט פאַר אַ פּלוצעמדיקער ענדערונג, האָט ער באַטאָנט. עס וועט מיינען געוואַלדטאַטן. דער נאַציאָנאַלער עלעמענט וועט זיכער דאַן זיין דאָמינירנדיק און עס וועלן זיין פּאַסקודנע גוואַלדטאַטן. אַלץ וועט זיך פאַנאַנדערפאַלן אין אַ כאַאָס.

דער רוסישער אופן דריקט זיך אויס: אָדער אַלץ, אָדער גאָרנישט, און אַ קאָנסטרוקטיווע פּאַמעלכע ענדערונג איז ביי אונדז די צוממיינסטן שווערע. קענסט עס זען אין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון אונדזער געשיכטע".

עס גייט אַרום אַזאַ אַנעקדאָט וועגן דעם מהות פון אַ רוסישן היסטאָריקער: דאָס איז אַ מענטש וואָס קען פּאַרויסזאָגן די... פּאַרגאַנגעהייט...

יעווגעני יעווטושענקאָ האָט אין זיינס "אָן אָפענער בריוו" געזאָגט וועגן אַ קאָנפראָנטאַציע מיט דער אַבוועזנקייט פון געשיכטע: דאָס איז די פאַרשווינדונג פון דער פאַרגאַנגענהייט. ער דערציילט, אַז ביי אַ לאַגערפייער אין סיביר, האָט א יונגע סטודענטקע אויפגהויבן אַ טאָסט פאַר סטאַלינען. דאָס, זאָגט ער, איז פאַר מיר געווען אַ "שאָק". ווען ער האָט זי געפרעגט דעם זין פון איר טאָסט, האָט זי געענטפערט, אַז אמאָל האָבן אַלע מענטשן געגלויבט אין סטאַלינען.

— ווייסטו וויפל מענטשן זענען געוואָרן אַרעסטירט און אומגעבראַכט בעת סטאַלינס הערשאַפט? — יאָ, בערך 20 אָדער 30 מענטשן.

אזוי האָט געגלויבט דאָס 18־יאָריקע מיידל ביים לאַגערפייער. די אַנדערע סטודענטן אינעם זעלבן עלטער ווי זי, האָבן אויף זיין פראַגע אָנגעגעבן אַ העכערן ציפער — ארום 200. בלויז איינער האָט אָנגעגעבן אַ ציפער אַרום צען טויזנט. ווען יעווטושענקאָ האָט זיי געגעבן אַ ציפער פון מיליאָנען אומגעבראַכטע, האָבן זיי אים נישט געגלויבט. אַזאַ איגנאָראַנץ הערשט אין לאַנד.

מען קען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן אַנטפּלעקונג עס איז געווען אין רוסלאַנד דאָס פאַרעפנטלעכן אַנאַטאָלי ריבאַקאָוס בוך וועגן סטאַלין־רעזשים, אונטערן טיטל "קינדער פון אַרבאַט". עס הייבט זיך אָן מיט די 1930־ער יאָרן און מסתמא איז דאָס ווערק אין אַ גרויסער מאָס אויטאָביאָגראַפיש. קריטיקערס האָבן זיין ווערק פאַרגליכן צו טאָלסטאָיס. זיכער אידענטיפיצירט זיך דער מחבר מיט זיין יונגן העלד, סאַשאַ פאַנקראַטאָוו וואָס לעבט אין זעלבן ראַיאָן ווי ריבאַקאָוו, אין דעם ראַיאָן פון צענטראַל־מאָסקווע.

פּאַראַלעל מיט דער געשיכטע פון סאַשאַ פאַנקראַטאָוו און זיינע פריינד, פאַרנעמט אַ הויפּטאָרט אין דעם סוזשעט דאָס לעבן פון סטאַלינען, באַזירט טיילווייז אויף היסטאָרישע פאַקטן. די געשיכטע ענדיקט זיך אין 1934 מיט קיראָווס מאָרד.

## נייע ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע

*יעקב צבי שאַרגעל: "מיט פולע עמערס" — צווישן שרייבער און ווערק, בוך דריי. עסייען, 358 זז', פאַרלאַג "ישראל־בוך" תל־אביב, 1990. דאָס בוך איז פאַרזען מיט א פּאָרטרעט פון מחבר און איז איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע אָפּטיילן: שטראַלנדיקער דורכרייס; אויף דער הייסער מינוט; רייד גערעדטע; אין זייער ליכטיקן אָנדענק.

*מנוחה ראם־וואַלדמאַן: "בער יאָדלער" — ראָמאַן, 192 זז'. הילע געצייכנט פונעם קינסטלער משה באַהעלפער. פאַרלאַג "ישראל־בוך", תל־אביב, 1990. דאָס בוך, וואָס איז פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון דער מחברטע, איז געווידמעט איר מאַן, דעם דיכטער משה וואַלדמאַן צו זיין ווערן אַ בן שמונים.

*הירש אָשעראָוויטש: "אַ לידערהיים" — מיט אַ חדר־מיוחד פאַר אונדזערע קלאַסיקערס. לידער און פּאָעמעס, 156 זז', פאַרלאַג "ישראל־בוך", תל־אביב, 1990. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר און אַ ביאָ־ביבליאָגראַפישער נאָטיץ פונעם אַרויסגעבער.

*גרוניאַ סלוצקי־קאַהאַן: "קינדער־לידער". 92 זז' גרויסער פאָרמאַט, פאַרלאַג יידישע שול ביי די מאָנטרעאַלער יידישע פאָלקס שולן און פרץ שולן, קאַנאַדע, 1990. דאָס בוך איז פאַזען מיט אַ פאָרוואָרט פון שרה כהן און אילוסטראַציעס פון איירא קאַדיש.

*לילי בערגער: "יאַנוש קאָרטשאַק — דער מענטש, דער סימבאָל". (אין פראַנצויזיש). 96זז', פּאַריז 1990.

# ל.א. יידישער קולטור — קלוב אויפֿן שוועל פֿון 60 יאָר טעטיקייט

## יערלעכער באַריכט פֿונעם פּאָרזיצער

## משה כהן

מוצאי שבת, דעם 9־טן יוני 1990, איז פֿאָרגעקומען דער יערלעכער שלום־באַנקעט פֿונעם לאָס־אַנדזשעלעטער יידישן קולטור־קלוב. אַ גרויסער עולם האָט אויסגעהערט מיט אינטערעס דעם באַריכט־רעפֿעראַט פֿונעם פּאָרזיצער משה כהן און אַ "וואָרט אין צייט" פֿון לילקע מייזנער. אינעם מוזיקאַלישן פּראָגראַם איז אויפֿגעטראָטן ריסאַ איגלפֿעלד, וועלכע האָט אויסגעפּילט אַ ריי יידישע פֿאָלקס־לידער אין אייגענער באַגלייטונג אויף איר אַקאָרדיאָן. און דאָס איז דער באַריכט:

טייערע חברות און חברים:

איר אַלע דאָ, טוער און מיטגלידער פֿונעם יידישן קולטור־קלוב, ווייסט וועגן מיין געזונט־צושטאַנד און ווי שווער עס פֿאַלט אויף מיר און מיין משפּחה אָנצופֿירן מיט דער אַרבעט פֿון קלוב. פֿון דער אַנדערער זייט וואָלט איך אפשר געדאַרפֿט אָנהייבן מיט מאַכן אַ שהחיינו, וקיימונו, והיגיענו לזמן הזה, ווייל נישט געקוקט אויף אַלע באַדינגונגען האָבן מיר פֿאַרענדיקט אַ יאָר אַרבעט וואָס קאָן געגליכן ווערן צו די בעסטע אין דעם קלובס געשיכטע. נאַטירלעך, אָן דער פֿאַרשטענדעניש און קאָאָפּעראַציע פֿון אַ צאָל טוער, וואָלט דאָס נישט געווען מעגלעך, און איך וויל אין דעם באַריכט דאַנקען יעדן איינעם פֿאַר זיין ביישטייער.

אויך אינעם יאָר 1989־1990 האָבן מיר געהאַט עטלעכע און דרייסיק צונויפֿטרעפֿן. יעדן מוצאי שבת האָט דער קלוב געבראַכט פֿאַר דער יידיש־רעדנדיקער אינטעליגענץ אַ רייכן פּראָגראַם וועגן יידישע שרייבער און זייערע ווערק, וועגן וויכטיקע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען, קאָנצערטן און יידיש געזאַנג.

דער סעזאָן האָט זיך געעפֿנט דעם 28־סטן אָקטאָבער 1989, באַלד נאָך שמחת תורה, מיט אַן אויפֿטריט פֿון דעם פּראָפֿעסאָר פֿון העברעישן אוניווערסיטעט, הויפּט פֿונעם פֿאָלקלאָר־פֿאַקולטעט ד"ר דב נוי. די טעמע: "וועט ווערט אַ וועלט־ווערטל אַ יידיש שפּריכוואָרט"? אַ גרויסער עולם האָט אויפֿגענומען זיין אינהאַלטרייכן און באַלערנדיקן רעפֿעראַט מיט ענטוזיאַזם.

ווי יעדעס יאָר, פֿאַרנעמען יידישע שרייבער דעם אויבנאָן אין אונדזערע פּראָגראַמען. מיר שטאָלצירן מיט אונדזערע אייגענע מיטגלידער־לעקטאָרן, וועלכע באַרייכערן מיט זייערע קענטענישן אונדזערע אָוונטן. גרויס הנאה פֿאַרשאַפֿט אונדז לילקע מייזנער מיט אירע טיפֿע קענטענישן פֿון דער יידישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור. אין נאָוועמבער איז זי אויפֿגעטראָטן מיט אַ לעקציע וועגן דער באַרימטער אַמעריקאַנער שרייבערין סינטיאַ אָזיק. זי האָט אַנאַליזירט איר ליטעראַריש־פֿילאָסאָפֿישן דרך און איר פּלאַץ צווישן יידיש־אַמעריקאַנער שרייבער. סוף יאַנואַר האָט לילקע מייזנער באַלויכטן דאָס לעבן און שאַפֿן פֿון דעם טאַלאַנטפֿולן ב.י. ביאַלאָסטאָצקי, און סוף מערץ האָט זי רעפֿערירט וועגן פּרימאָ לעווי — דעם מאָראַלישן קוראַזש פֿונעם איטאַליענישן יידן.

דער רעדאַקטאָר פֿון היגן זשורנאַל "חשבון", דער פּאָעט משה שקליאַר, איז אויפֿגעטראָטן מיט צוויי לעקציעס: וועגן דעם סאָוועטיש — יידישן דיכטער דוד

האָפּשטיין לכבוד זיין 100־סטן געבוירנטאָג, און וועגן ברונאָ שולץ, "דעם יידישן קאַפּקאַ פון פוילן". ביידע לעקציעס זענען וואַרעם אויפגענומען געוואָרן.

אַ נייע קראַפט אין קלוב איז דער באַוווסטער פּאָעט חיים שוואַרץ, פּרעזידענט פון "איקוף" אין לאָס־אַנדזשעלעס, וועלכער האָט געעפנט אַ סעריע לעקציעס וועגן יידישע דיכטערס, איינע געווידמעט משה לייב האַלפּערן, אַ צווייטע — מאַני לייבן. ביי דער געלעגנהייט האָט משה כהן פאַרגעלייענט אַן אויסוואַל פון זייער פּאָעזיע.

מיר האָבן אָפּגעמערקט דאָס דערשיינען פון דער אַנטאָלאָגיע "ווידערוווקס", אַרויסגעגעבן דורך דער "ליגע פאַר יידיש", מיטן אָנטייל פון 20 יונגע שרייבערס מערסטע געבוירענע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, ישראל און אַנד., צווישן זיי אַ מיטגליד פון אונדזער קלוב — דער יונגער פסח מאַלעוויטש. דער רעפערענט איז געווען מאַרווין צוקערמאַן, פּראָפעסאָר פון יידיש־קורסן. זיין אָפּשאַץ איז אויפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם. אַ צווייטע לעקציע פון פּראָפ. צוקערמאַן האָט באַלויכטן דאָס לעבן און שאַפן פון דעם שפּראַך־פאָרשער ד״ר מאַקס ווײַנרייך.

אַ ריי אָוונטן האָבן אַריינגעבראַכט הומאָר און אויפהייטערונג. באַשע וואַנאַמייקער האָט משמח געווען דעם עולם מיט פאָרלעזונגען פון איציק מאַנגער. יעקב לעווין איז שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן פאַר זיינע פאָרלעזונגען פון שלום־עליכם און יעקב פרידמאַן. ער האָט אויך דורכגעפירט אַ "פּרץ אָוונט" צו זיין 75־סטער יאָרצייט. יעקב באַסנער פון לאָנג־ביטש האָט פאָרגעלייענט הומאָריסטישע דערציילונגען פונעם אַמעריקאַנער יידישן אימיגראַנטן־לעבן פון י.ל. מאַלאַמוט. ער האָט שטאַרק אויסגענומען.

געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען זענען באַהאַנדלט געוואָרן פון צייט צו צייט. "דער באַנקראָט פון קאָמוניזם" איז געווען די טעמע פון דעם פּעדאַגאָג און לעקטאָר מנחם קאַרסאָן, בעת ס'האָבן זיך אָנגעפאַנגען די שטורמישע טעג אין מזרח־אייראָפּע, און ווען די בערלין־וואַנט איז צעשמעטערט געוואָרן.

"ווי האַלט עס מיט דער יידישער שפּראַך? וואָס זענען די דערגרייכונגען אין די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן, אין מדינת ישראל? וואָס זענען די אויסזיכטן איצט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד"? — אויף דער טעמע האָט גערעדט פּראָפ. מאַרווין צוקערמאַן.

"מדינת ישראל אויפן שוועל פון 1990 און די אויסזיכטן אויף אַ שלום" — וועגן דעם האָט גערעדט בערנאַרד מ. ווייסבערג, עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע.

אין חודש מאַי האָבן דריי פּאַנעליסטן דעבאַטירט וועגן דעם עמיגראַציע־שטראָם פון סאָוועטישע יידן קיין ישראל און ווי אַזוי וועט מען שאַפן די נייטיקע פינאַנציעלע מיטלען. די אָנטייל נעמער: נתן גראָבוויטש און לואיס סענעסיב, ביידע מיטגלידער פון דער באָרד אויף דירעקטאָרס פון דער יידישער פעדעראַציע, און משה כהן.

יום־טובים און געדענק־טעג האָבן, ווי שטענדיק, פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ אין אונדזער קאַלענדאַר. "שבת — די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע ראָלע פון דעם טאָג אַ מאָל און היינט" — איז די טעמע אויף וועלכער שרה ליינער, די פיינע מלומדת האָט גערעדט. זי האָט אויך רעפערירט וועגן דעם יום־טוב טו בשבט אין אונדזער מאָדערנער צייט. לכבוד חנוכה האָט מאָטל האָראָוויץ זייער פיין פאָרגעלייענט פון די ווערק פון שלום־עליכם. אגב, מאָטל האָראָוויץ האָט אַרויסגעגעבן אַ ביכל מיט אַ צאָל אינטערעסאַנטע דערציילונגען. באַשע וואַנאַמייקער האָט משמח געווען דעם עולם לכבוד פסח מיט איר אייגנאַרטיקן אויסטייטש פון שלום־עליכמס "אַ פאַרשטערטער פסח".

אַ זייער איינדרוקספולער אָוונט לכבוד ״יום השואה והגבורה״ איז פאָרגעקומען דעם 21־סטן אַפּריל, מיט דער באַטייליקונג פון נתן גראָוויטש — פערזענלעכע איבערלעבונגען אין דער געטאָ; יעקב לעווין — פאָרלייענונג פון דער מאָדערנער יידישער חורבן־ליטעראַטור, און געטאָ־לידער אויסגעפילט און אַקאָמפּאַנירט ביי דער פּיאַנאָ פון דאָראָטי סאַלאָמאָן. לכבוד ״יום ירושלים״ האָט שרה ליינער געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דעם פּלאַץ וואָס ירושלים פאַרנעמט אין דער יידישער געשיכטע אַ מאָל און היינט.

עס זענען פאָרגעקומען צוויי קאָנצערטן וואָס האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם. דער ערשטער — דעם 13־טן יאַנואַר 1990, מיט אביבה ראָזענבלום פון ״טעמפּל איזראעל אָוו האָליוווד״. איר רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון יידישע פאָלקס־לידער פון פאַרשיידענע עפּאָכעס. אַ צווייטער קאָנצערט, דעם 28־סטן אַפּריל, מיט דער באַטייליקונג פון דעם אַמעריקאַנער יידישן סימפאָנישן כאָר, וואָס באַשטייט פון אַרום 30 מענער און פרויען און ווערט דיריגירט פון נאָרין גרין, אַ טאַלאַנטפולע מוזיקערין. דער פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון יידישע, ישראלדיקע און אַלגעמיינע לידער פון אַזעלכע קאָמפּאָזיטאָרן ווי יעקב וויינבערג, ערנסט גאָלד, הערי קופּערסמיט, מאָריס ראַוך, און פראַגמענטן פון הענדעלס אָראַטאָריע ״יהודה מכבי״, ווי אויך פון נעמי שמר — די מחברטע פון ״ירושלים של זהב״. דער קאָנצערט איז פאָרגעקומען לכבוד דעם 42־סטן יום העצמאות, האָט דער פאָרזיצער אין זיין אַריינפיר באַטאָנט די וויכטיקייט פון דער דאַטע און פאָרגעלייענט אויסצוגן פון דער ״מגילת העצמאות״.

געסט פון אויסלאַנד: דעם 25־סטן נאָוועמבער 1989 האָבן מיר אויפגענומען שמואל ראָזשאַנסקין, רעדאַקטאָר פון די 100 מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור. זיין טעמע: מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי, דער מחבר פון ״אויפן פּריפּעטשיק״ און אַ סך פאָלקס־לידער. די לעקציע איז אויפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם. הייהלע אַש, די באַרימטע אַקטריסע פון יידישן טעאַטער, האָט אונדז מזכה געווען, דעם 3־טן פעברואַר, מיט אַ לעקציע א.ד.ט. ״דאָס קינד אין דער יידישער ליטעראַטור״ ווי עס איז באַשריבן געוואָרן דורך אונדזערע קלאַסיקער, פּאָעטן, דערציילער, און ספּעציעל אין די וויג־לידער וואָס אונדזער פאָלק האָט געשאַפן.

צוויי אָוונטן וואָס האָבן געצויגן אַן עולם פון איבער 125 יעדער, זענען געווען אין חודש מערץ, דעם 10־טן און 24־סטן 1990. עס איז אויפגעטראָטן די וועלט־באַרימטע רעציטאַטאָרין הדסה קעסטין פון ישראל, וועלכע באַזוכט כמעט אַלע יידישע ישובים פון דער גאָרער וועלט און איז מהנה די צוהערער מיט אירע פּראָגראַמען פון דער קלאַסישער און היינטצייטיקער יידישער ליטאַטור. דער עולם איז געווען באַצויבערט פון אירע אויפטריטן.

זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז די מערסטע לעקציעס און פאָרלעזונגען ווערן באַגלייט פון מוזיקאַלישע פּראָגראַמען מיט די פאָלגנדיקע אָנטיילנעמער: ריסאַ איגלפעלד מיט איר אַקאָרדיאָן האָט אויסגעפילט נייע און לאַנג פאַרגעסענע פאָלקס־לידער אין אירע פיר אויפטריטן; איזאַבעל קעץ, באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ פון רעגינאַ ראָטמאַן, האָט אויף אַ מייסטערפולן אופן פאָרגעבראַכט יידישע און ישראלדיקע ניגונים אין דריי אויפטריטן; פסח מאַלעוויטש איז אַ פיינער פּיאַניסט און איז אויפגעטראָטן פיר מאָל מיט קלאַסישע און יידישע לידער; אַלעקס רובינשטיין, דער פיינער טשעליסט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, באַגלייט פון דער יונגער טאַלאַנטפולער פּיאַניסטין סוועטלאַנאַ, האָבן אונדז מזכה געווען מיט עטלעכע אויפטריטן. ס׳זענען אויך אויפגעטראָטן דער פידלער ראָמאַן צינמאַן, באַגלייט ביי דער פּיאַנאָ פון מאַיאַ, און ליליען ליבראַס, די דיריגענטין פון דעם

נעמת פרויען — כאַר. אַט די אַלע מוזיקאַלישע קרעפטן האָבן פיל בייגעטראָגן צו דער חברישער סביבה. דער איי. פּי. איי. כאָר האָט צוגעגרייט ספּעציעלע פּראָגראַמען פאַר חנוכה, טו בשבט און יום ירושלים. די דיריגענטין פונעם כאָר איז ניצה נימאַן, אַ זייער פעיקע מוזיקערין.

צום סוף פון מיין באַריכט וויל איך דאַנקען די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג. ווי אין אַלע פריערדיקע יאָרן איז ח׳ יעקב שייפער געווען מיין רעכטע האַנט. ער האָט געהאָלפן טראָגן דעם יאָך, טיילן די זאָרגן, ווי אויך לעזן פּראָבלעמען. זיין הילף איז נישט צום אָפּשאַצן. הערי הירש האָט צייטנווייז געפירט דעם פאָרזיץ און איך דאַנק אים האַרציק. אסתר ליפשיץ האָט מקיים געווען די מצווה פון ביקור חולים, טעלעפאָנירט חברים און בכלל זיך געמאַכט נוצלעך ווו נאָר נייטיק. רחל סלוצקי האָט בשלימות דערפילט איר פליכט אַלס פּראָטאָקאָל-סעקרעטאַר. מענדל סלוצקי איז תמיד געשטאַנען אויף דער וואַך מיט אַן עצה און גאַנץ אָפט מיט טאַט. בעלאַ פּאָזי האָט געזאָרגט, אַז די קאַסע זאָל שטענדיק אָפּגעהיט ווערן. גרשון פרידמאַן, וועלכער טראָגט דעם שווערן יאָך פון דער אַדמיניסטראַציע פון ״חשבון״, האָט תמיד צוגעלייגט אַ האַנט ווען מ׳האָט באַדאַרפט. סימאַ לעווקאָוויץ האָט אויף איר אופן פּאָפּולאַריזירט דעם קלוב צווישן ברייטערע קרייזן. נאָרמאַן קארין, פּרעזידענט פון אינסטיטוט, האָט נישט געקאַרגט זיינע טעכנישע פעיקייטן ביי פיל געלעגנהייטן און אין אַן עת צרה.

אַ באַזונדערן יישר כח צו לאָטי קרעמער פאַר באַזאָרגן די ״פּובליסיטי״ וואָך-איין וואָך-אויס. די סעקרעטאַרשעס אין אינסטיטוט, רעגינאַ יפה, און אין ציוניסטישן אַרבעטער-פאַרבאַנד, בי מיי, האָבן ביי פיל געלעגנהייטן אַרויסגעהאָלפן מיט טעכנישע ראַט און טאַט. זיי אַלעמען — מיין האַרציקער דאַנק.

מעג מען לויבן דאָס אייגענע ווייב? מיין אסתר האָט זייער פיל אַרויסגעהאָלפן...

פאַר דעם נייעם יאָר האָבן מיר צוגעצויגן אַ ריי מענטשן צו דער פאַרוואַלטונג און מיר האָפן, אַז זיי וועלן פאַרנעמען פירנדיקע פּאָזיציעס אין קלוב. זיי זענען: לילקע מייזנער, נישט נאָר איינע פון אונדזערע חשובע לעקטאָרן, נאָר אויך אַ מענטש מיט געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם און פאַרשטענדעניש. נייטן שטיינמאַן און מאַני גאָרפיין זענען אויך מענטשן מיט געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם און זיי וועלן האָפנטלעך געבן אַ וויכטיקן בייטראָג צום קלוב.

דער לאָס-אַנדזשעלעסער יידישער קולטור-קלוב טרעט באַלד אַריין אין זיין 60-סטן יאָר. עס שיינט מיר, אַז דאָס איז דער עלטסטער יידישער קולטור-קלוב אין אַמעריקע און דער איינציקער וואָס פירט דורך זיינע קולטור-אָוונטן וואָך-איין וואָך-אויס, עטלעכע און דרייסיק אין משך פון יאָר. אונדזער קלוב איז אויך דער איינציקער אין אַמעריקע וואָס שטאָלצירט מיט אַן אייגענעם זשורנאַל, אַ ליטעראַרישע אויסגאַבע וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ פּאָזיציע און וואָס ווערט רעדאַקטירט דורך דעם פּאָעט משה שקליאַר.

ביים געזעגענען זיך בעט איך אייך — איך טו תפילה, אַז איר זאָלט זאָרגן פאַר דעם קיום און באַפעסטיקונג פונעם קלוב פאַר פיל יאָרן.

* * *

נאָכן באַריכט פונעם פאָרזיצער, משה כהן, האָט לילקע מייזנער מיט טאַקט און עלאָקווענץ פּראָקלאַמירט די צוויי-יערלעכע זאַמל-אַקציע פאַרן קלוב. די זאַמל-אַקציע איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

**ליקע מייזנער**

# ווערטער פון אָנערקענונג און ליבשאַפט

מיין אויפגאַבע היינטיקן אָוונט איז איינע פון די אָנגענעמסטע. בטבע האָב איך נישט ליב צו זיין די מאָנערין פון באַשטייערונגען, אָבער דאָ, אין דער סביבה פון אונדזער קלוב, איז עס נישט קיין שווערע אַרבעט.

מיר קומען צו אייך, טייערע פריינד, ווי גלייכע צו גלייכע. זענען מיר דאָך אַלע שותפים צו דער־אָ אונטערנעמונג וואָס הייסט "יידישער קולטור־קלוב" — דאָס איינציקע ווינקל אין דעם גרויסן לאָס־אַנדזשעלעס וואָס פירט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן די אַרבעט פון פלעגן, דערמונטערן, אַריינהויכן אָטעם אין דעם היגן יידישן קולטור־לעבן. וווּ נאָך קאָן מען געפינען אַזאַ איבערגעגעבענע גרופּע מענטשן, פריינד, חברים, וועלכע אַרבעטן מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און התמדה פאַר אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם שעפערישן יידישן וואָרט, קלאַנג און שאַפונג; וווּ נאָך קאָן זיך אַ יידישער שרייבער אַזוי אָנוואַרעמען, אַ יידישער זינגער אויסזינגען, און אַ רעציטאַטאָר — אַרויסברענגען די פערלדיקע יידישע פּאָעמעס, באַלאַדעס און געשיכטעס.

זיינען מיר דאָ, דער יידישער קולטור־קלוב — דאָס ברענענדיקע ליכט, נישט דאָס צאַנקענדיקע ליכט אויף דער נישט אַזוי העלער יידישער גאַס. ווילן מיר אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט, ווילן מיר אַז דער קלוב זאָל זיין אונדזער אַלעמענס היים; די היים פאַר דעם יידישן וואָרט — דעם געדרעדטן און געשריבענעם; די היים פאַר דעם יידישן געדאַנק, און אפשר, אפשר פאַר דעם יונגן דור, וועלכער זוכט דעם שורש!

דאַרפן מיר מיטלען אָנצוגיין מיט אונדזער אַרבעט, דעריבער ווענדן מיר זיך צו אייך — העלפט אונדז! כדי פאָרזעצן מיט דערפאָלג אונדזער טעטיקייט מוזן מיר האָבן אייער מאַטעריעלע הילף.

און צום שלוס וויל איך אין נאָמען פון אַלע פאַרזאַמלטע שענקען דעם גרעסטן בוקעט בלומען — אין ווערטער — צו דער טרייבקראַפט פון אונדזער קלוב, דעם פאָרזיצער משה כהן, וועלכער האָט מיט איבערמענטלעכע פיזישע אָנשטרענגונגען אָנגעפירט די אַרבעט היינטיקס יאָר. משה כהן האָט געזאָרגט וועגן יעדער קלייניקייט און דערמעגלעכט צו פאַרענדיקן מיט דערפאָלג דעם סעזאָן 1989־1990. ווילן מיר היינט אייך דאָ אַפּלאָדירן, פריינד משה כהן, אָפּגעבן אָנערקענונג, אַרויסווייזן אונדזער ליבע און וואַרעמקייט און ווינטשן אייך דאָס בעסטע געזונט וואָס איז אייך אַזוי שטאַרק נייטיק. און אסתרן, אייער באַגלייטערין, אונדזער דאַנק. צו דער גאַנצער פאַרוואַלטונג וועלכע האָט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און געטריישאפט געאַרבעט — אונדזער דאַנק און אָנערקענונג.

# משה נאָדעלמאַן ז״ל

דעם 26־סטן מערץ, 1990, איז נאָך א לאַנגער, פּיינלעכער קראַנקהייט אוועק אין דער אייביקייט משה ניידעלמאַן (נאָדעלמאַן). מיט זיין טויט האָט דאָס יידישע לאָס־אַנדזשעלעס פאַרלוירן אַ דינאַמישן געזעלשאַפטלעכן טוער. אַן אינטעליגענטער, וואַרעמער און האַרציקער מענטש, האָט ער זיך ברייטהאַרציק אָפּגערופן אויף אַלע נויטן אין יידישן לעבן, ער האָט אומדערמידלעך געאַרבעט צו היילן די ווונדן וואָס דאָס 20־סטע יאָרהונדערט האָט פאַרשאַפט דעם יידישן פאָלק אין אייראָפּע און מיט ענטוזיאַזם אויפגענומען די אַנטשטייונג פון מדינת ישראל. אַ פארגלויבטער אין אַ דעמאקראטיש־ליבעראַלן און יושרדיקן וועלט־סדר, איז ער אַקטיוו אין אַרבעטער־רינג (איז אַ לאַנגיאָריקער מיטגליד אין דיסטריקט־קאָמיטעט); איז געווען אַקטיוו אין בויען און אויפהאַלטן די שול און מיטלשול פון אַרבעטער־רינג אין ל.א.; געווען אַן אקטיווער מיטבויער פון יידישן קולטור־קלוב; אַ שטיצער פון הסתדרות, ייוו״אָ און אַלע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן פאַר אַ ציל צו פאַרטיידיקן יידישע אינטערעסן אין ישראל און אין דער וועלט.

משה נאָדעלמאַן איז געבוירן געוואָרן אין קאמעניעץ־פּאדליאַסק, אוקראַינע, אויפן שוועל פון 20־סטן יאָרהונדערט אין אַ בכבודיקער משפחה מיט זיבן קינדער. ער האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג, אלס יוגנטלעכער זיך אָנגעזאָפּט מיט די פרייהייט־אידעען פון קאַמף קעגן צאַרס טיראַניע. ער באַטייליקט זיך אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון די מענשעוויקעס, און נאָך דער מפּלה פון צאַרס רעזשים ווערט ער באַשטימט דורך דעם רעוואָלוציאָנערן ראַט אויף אַן אַמט אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. קורץ נאָכן זיג פון דער רעוואָלוציע, ווען די באָלשעוויקעס צעטרייבן די צייטווייליקע רעגירונג און עס הייבט זיך אָן דער בלוטיקער טעראָר, מוזן משה און זיין ברודער יצחק אַנטלויפן פון שטאָט.

נאָך שווערע איבערלעבונגען, קומען די ברידער נאָדעלמאַן ענדלעך אָן קיין ניו־יאָרק. משה פּאַסט זיך גיך אַריין אין דער נייער סביבה, הייבט אָן אַרבעטן און ווערט געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. אין גיכן באַקענט ער זיין לעבנס־באַגלייטערין, ברײַנדל, מיט וועמען ער האָט חתונה. זייער וואַרעמע היים ווערט אַ טרעף־פּונקט פון דער יידישער ליבעראַלער אינטעליגענץ. אין יאָר 1927 ווערט געבוירן זייער זון סימאָר.

אין 1935 קומען די נאָדעלמאַנס קיין לאָס־אנדשעלעס, ווו זיי אָרדענען זיך איין אין ביזנעס און זענען דערפאָלגרייך אין דער נייער סביבה. אין 1938 ווערט געבוירן זייער טאָכטער סטעלאַ.

אין 1984 איז געשען אַן אומגליק אין דער משפחה פון די נאָדעלמאַנס. ברײַנדל, די געליבטע ווייב און מאַמע, ווערט קראַנק און שטאַרבט. די טראַגישע איבערלעבונג האָט זיך שטאַרק אויסגעווירקט אויף משהן סיי פיזיש און סיי גייסטיק. די קינדער, סימאָר און סטעלא, טוען אַלץ צו פאַרלייכטערן זיין געזונט־צושטאַנד. אַ דאַנק זייער איניציאַטיוו האָט ער אין 1987 חתונה מיט זיין ברודערס אלמנה ראָוז, וועלכע קומט פון ניו־יאָרק. זי איז אַן איטעליגענטע, איידעלע און געטרייע פרוי, און נאָך אַ קורצער צייט פון צוזאַמען זיין איז ער ווי דורך נסים אויפגעריכט געוואָרן.

צום אומגליק האָט דער נס ניִשט לאַנג אָנגעהאלטן. דעם זעלבן יאָר האָט ער באַקומען אַ סטראָוק וואָס האָט פאַראַליזירט זיינע חושים און מעגלעכקייטן צו באַוועגן זיך. זיין פרוי, די קינדער און אייניקלעך האָבן אין דעם צושטאַנד אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע געטריישאַפט און הילף דעם מאַן, פאָטער און זיידן.

מאָנטיק, דעם 26־סטן מערץ 1990 האָט משה נאָדעלמאַן פאַרלאָזט אונדזער וועלט. די לויה, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די משפחה, פריינד און פאָרשטייערס פון די אינסטיטוציעס פאַר וועלכע ער האָט אומדערמידלעך געאַרבעט זיין גאַנץ לעבן, איז פאָרגעקומען דעם 28־סטן מערץ ד.י.

משה נאָדעלמאַן האָט פאַריתומט זיין פרוי ראָוז, דעם זון סימאָר און שנור יאַנא, די טאָכטער סטעלאַ און איידעם פרעדריק לאָרען, זיין שוועסטער שרה גערב און איר טאָכטער מאַרלין, און זיבן אייניקלעך: מייקל, לעסלי, האַרי, סעלינאַ, ספּענסער, טערי און אַליסאַ.

כבוד זיין אָנדענק!

**ג. פרידמאַן**

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# א הסתדרות אניואיטי טראסט-קאנטראקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן) און
- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען: הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט״־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס״־שטייער אויף סעקיורי־טים, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

**זייט איר פאַראינטערעסירט...**

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט פונדאַציע.

ריכטער סעם ס. שוואַרץ, ערן־פּרעז. אורווין קורצמאַן, פּרעזידענט
אברהם פרענק, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Suite 402 • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 658-6334

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to................................................................

Address................................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $................................................................

Date........................Signature of Applicant..............................

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# לאָס אַנדזשעלעסער
# יידישער קולטור קלוב

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
אונדזערע מיטגלידער און פריינד
בכל מקום שהם.

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה



## דער דיסטריקט קאָמיטעט פון
# אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות
צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל
מקום שהם.
לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום
צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי
אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

# THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035 • (213) 552-2035

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד
יידיש צווייג

נאָרמאַן קאַרין — אסאָסייעטעט־פּרעזידענט

מרדכי בן־דוד — וויצע־פּרעזידענט

לעאַ ראָזענבלאַט — וויצע־פּרעזידענט

בערטאַ קאַרין — פינאַנץ־סעקרעטאַר

---

יום־טובדיקע גרוסן און ווונטשן צו די שרייבער, אַדמיניסטראַציע און לייענער פון "חשבון". זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין ביים פאַרשפרייטן און פּאָפּוליאַריזירן די קולטור־אוצרות, אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע אין יידישן לשון.

שעלבי שאַפּיראָ

בעטעסדאַ, מערילענד

---

דרורה קלוב נעמת

ליובאַ שלאַפמאַן — פּרעזידענט

פרימע גאָרענשטיין — וויצע־פּרעז.

בערטאַ קאָרין — פינאַנץ־סעקר.

רעגינאַ שידלער־קאַסירער

אין ליכטיקן אָנדענק
פון אונדזער אומפאַרגעסלעכער
פרוי, און מוטער

רחל קליינבאַרד

בען, דזשעי, מייראָן און משפחה

---

יידישע חבורה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס
בעסטע ווונטשן צום נייעם יאָר,
צו אַלע אונדזערע פריינד
און שלום אויף דער וועלט און ישראל
אירווינג טייטלבוים — פּרעזידענט

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

**אין אָנדענק פון מיין מאַן**
**משה אייזענמאַן ע״ה**
**רבקה, דבורה, לעסלי, יואל און גרעגאָרי**

---

**גיבערמאַן אסתר — מיין משפּחה און חברים אַ גליקלעך יאָר**
**גראָוויטש — לודמילאַ און נתן**

---

**הירש — צבי, טובה און איליי**

---

**די וואַנאַמייקער משפּחה**

---

**ווייס — יודזשין**

---

**ד״ר זשאַנעט האַדאַ**

---

**ירושלמי (יערוזאַלימסקי) ראָזאַ, גרשון און משפּחה,**
**אַנאַהיים, קאַליפ.**

---

**לאַנצמאַן — בערנארד**

---

**לובין — דוד**

---

**ליינער — שרה, שמחה און משפּחה**

---

**לעווין — יעקב, רעגינאַ און משפּחה**

---

**ניומען — דאַני, לזכר ולכבוד דינה האַלפּערן ע״ה**

---

**ד״ר פישמאַן — בערט און בעטי, פּאַסאַדינאַ, קאַליפ.**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

פעלנער־מאַראָקאָ — פייגע און משה

---

פלאָטקין — חיים און פאַמיליע

---

סימע קאַרפּ — לעפקאָוויץ

---

קאַפּלאַן — רחל, דוד און משפּחה

---

קאַרין — בערטאַ און נאָרמאַן

---

קאָטלאַר — זשעני, משה און משפּחה

---

קאַרסאָן — מנחם

---

ראָטבלום — יצחק און זהבה

---

רוהמאַן — חנה

---

שאַרף — עלסי, לאָרי און משפּחה

---

שוואַרץ — רענעי (רחל), אין אָנדענק פון מיין מאַן דעם דיכטער שלמה, ע"ה

---

ד"ר שייפער — בענסאָן און דאַנאַ, פּאָרטלאַנד, אָרעג.

---

אָמאַן — סאָניע

---

ד"ר און מרס הערשל בורסטאַן

---

בלושטיין — שרה, נחום און זין

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

גאָלדמאַן — האָדל און משפחה, אין אָנדענק
פון מיין טייערן מאַן דוד

---

גאָרפיין — רחל און מאָניע

---

הענלי — מאַשע

---

ווודס — חנה און בנימין

---

זילבערצווייג — צילע און משפחה
אין אָנדענק פון מיין טייערן מאַן זלמן ע״ה

---

טאַובער — סאַלי און בעריש

---

טאָלטשינסקי — שרה

---

לאַקס — לאה, יוסף און משפחה, קאַסטרא וואַלי, קאַליפ.

---

מלאך־קרעמער — לאָטי

---

מעלאַמדאָוויטש — פייגל און יצחק, איל.

---

עלבערג — יהודה, מאָנטרעאַל, קאַנאַדע

---

פרידמאַן — שרה און משה, סאַוטפילד, מישיגען

---

שוואַרץ — דאָרא און משפחה

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

**שייפער — דאָראַ און יעקב**

---

**שלאַפמאַן — ליובע און משפחה אין אָנדענק פון מיין טייערן מאַן גמליאל ע״ה**

---

**שעפּס — חנה און שמעון**

---

אונדזערע טייערע פריינד

**פריידל און יאַנקל אַנגעלטשיק (ענזשעליק)**

אין אָדעקור, פראַנקרייך

ווינטשן מיר אַ געזונט, גליקלעך יאָר

און רפואה שלימה פאר פריידעלען

**מענדל און רחל סלוצקי, גרשון און חיה פרידמאַן**

---

אַוורוטין — רעי
בן־דוד — חנה און מרדכי
בוירמאַן — געניאַ
ברעסלער און מרס. אוירווינג, קאָקאַנאַט קריק, פלאָרידא
גאָרענשטיין — פרומא, אין אָנדענק פון מיין מאַן דוד
גובקין — ישראל און משפחה
גורעצקי — סילוויאַ און משפחה
האַלבערט — מינאַ
האַמבורגער — חנה און משה
האָראָוויץ — מאָטל און עוועלין
הענדעל — הענאַ און שלמה
הערבסט — טשאַרנע און גרשון
הערבסט — מרים און הערשל
וועלטמאַן — פראַניע און משפחה
וואַסערמאַן — סולאַ
זאַללען — ריטשראַד
זשוק — סאַבינע און חיים
זימער — איידאַ
כהן — אסתר און משה
ליבערמאַן — געלבאַרט — רבקה, אברהם און משפחה
ליפשיץ — אסתר
לעווענטאַל — בעבע און עלי
לעכאָוויצקי — דוואָשע און אהרן

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

מאַלעוויטש — פּסח
מייזנער — לילקע און שלמה
מייפּער — וועראַ און טשאַרלז
נאַטאַנזאָן — דאָראָטי און לייב
סאַלטאַנאוו — קניה און פאַליק
סאַפּיאַן — העלען און שמחה
סאָסקי — העלען און יוסף
סטראַסבורגער — פלאָרענס און משה
סילבער — אַדעל און יצחק
סלוצקי — יעווגעניאַ און אברהם
סלוצקי — רחל און מענדל
ד״ר פּאַרעל (פּאָגארעלסקי) חיים און פרוי
פּאָרטער — יוסף
פּאַסטערנאַק — מאיר און סאָניע, האָליוווד, פלאָרידאַ
פּאזי — בעלא, אין אָנדענק פון מיין מאַן אריה ע״ה
פּאַנטיין — דזשין און אורווינג
פלאַם — גילה, וואַשינגטאָן
פרידמאַן — חיה און גרשון
פרידמאַן — סאָפי און אברהם
צוקערמאַן — קאַטרין און מאַרווין
קארן — יוסף
קוטין — רחל און צבי
ראָזענבלאַט — עטל און לייב
ראָטמאַן — רעגינאַ און לואי
ד״ר שאַו — מעני און מלכה
ד״ר שוגאַר — קאַרל
שטיינמאַן — נתן
שידלער — רעגינאַ און חיים
שלאָסער — נעכע, אין אָנדענק פון מיין מאַן זלמן ע״ה
שנור — פייאינאַ, יוסף און משפחה
שקליאַר — דבורה און משה

אַלפער — מאַקס און משפחה
באַסנער — יעקב
בייראַק — דאָרע
גילינסקי — ליובאַ
דזשעריק — בלומע
ווייט — דזשעני און דוד
וויינשטיין — רחל און אליעזר
פערטשיק — טערעסאַ און חיים
קאַטש — ראָמאַ
רייך — שיינדל